NOAH E. COTSEN LIBRARY OF
YIDDISH CHILDREN'S LITERATURE

STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 13308

PERUANER GOLD

Jakob Wasserman

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

יאקאָב וואַסערמאַן

פּערוּאַנער גאָלד

M. GLEIBERMAN
1883 S. W. 11-th St.
MIAMI 35, FLORIDA

„קינדער־פריינד“, וואַרשע 1936

יאַקאָב וואַסערמאַן

פערואַנער גאָלד

פון דײַטש: מ. טייכמאַן

„ביכער־פריינד", וואַרשע 1936

JACOB WASSERMANN

PERUANER GOŁD

„Kinder-Frajnd", Warszawa 1936

זעצער ה. גלאנץ, ווארשע, טלאמאצקע 4

Druk. „R e n o m a", Warszawa

1

דאָס חיוטערדיקע איז אויפגעשריבן געוואָרן פון ריטער און שפּעטערדיקן מאָנאַך דאָמינגאָ דע סאַריאַ לוסטשע אין אַ קלויסטער פון דער שטאָט לימאַ, ווו ער האָט זיך דרייַצן יאָר נאָך דער דעראָבערונג פון פּערו באַזעצט קעדיי זיך אָפּצוזונדערן פון דער וועלט.

2

אין נאָוועמבער 1532 האָבן מיר, דרייַהונדערט רייַטער און עטלעכע פוסגייער אונטער דער אָנפירונג פון גענעראַל פראַנטשעסקאָ פיזאַראָ, אַלעוו האַשאַלעם, געשלעפּט זיך איבער דעם אומגעהייַערן באַרג־שעטעך פון די קאָרדיליערן. איך וויל נישט מאַריך זייַן וועגן די שוועריקייטן און געפאַרן פון דאָזיקן מאַרש. ס'וועט זייַן גענוג, ווען איך וועל זאָגן, אַז מיר האָבן טיילמאָל געמיינט, אַז אונדזער לעצטע שאָ איז געקומען, און די ייסורים פון הונגער און דאָרשט זענען געווען גאָרנישט אַנטקעגן די שרעקן פון דער ווילדער נאַטור, די צעפּנסטע אָפּגרונטן, די מעשופּעדיקע וועגן וואָס זענען אין פיל ערטער געווען אַזוי שמאָל, אַז מיר האָבן געמוזט פון די פערד אַראָפּגיין און זיי שלעפּן הינטער זיך. איך וויל נישט רעדן וועגן דער שוידערלעכער חיסטעניש און אויך נישט וועגן דעם ווי אייניקע פון אינדז האָבן פאַרשאָלטן דעם אומגליקלעכן באַשלוס, וואָס האָט זיי אין דעם מענטשנמערדערישן לאַנד אַהערגעפירט.

אָבער אויפן זיבעטן טאָג האָבן זיך אונדזערע לייַדן געענדיקט. ווען ס'איז צוגעפאַלן די נאַכט, זענען מיר פאַרמאַטערטע אין אויפגערעגטע אַרייַן אין דער שטאָט קאַכאַמאַלקאַ. דער וועטער, וואָס איז אינדערפרי געווען שיין, האָט איצט אָנגעזאָגט אַ שטורעם. באַלד האָט אויך אָנגעהויבן פאַלן אַ רעגן געמישט מיט

האָגל, און ס'איז געווען קאַלט. קאַבאַמאַלקאַ איז דער טײַטש: פראָסט־שטאָט.

ס'האָט אונדז זייער פאַרחונדערט, וואָס מיר האָבן די שטאָט געפונען אײַנגעגנצן אַ פאַרלאָזענע. קיינער איז פון די הײַזער נישט אַרויס אונדז צו באַגריסן, ווי מיר זענען דערצו געוווינט געווען אין די געגנטן בײַם יאַמבערעג. מיר זענען געריטן דורך די גאַסן און קיין לעבעדיקן נפֿעש נישט באַמערקט און צומאָל קיין קלאַנג נישט פֿאַרנומען, כּוץ דעם קלאַפּן פון אונדזערע פערדס פּאָדקאָוועס און זייער ווידערקאָל.

אָבער נאָך איידער ס'איז צוגעפאַלן די גאַנצע פינצטערניש האָבן מיר דערזען לענגאויס די באַרג־שיפּוים, ווי ווײַט דאָס אויג האָט דערגרייכט, אַן אומצייליבאַרע מענגע פון ווײַסע געצעלטן, צעשפרייט ווי שנייפליטערלעך. דאָס איז געווען די אַרמיי פון אינקאַ אַטאַהואַלפּאַ. דאָס דאָזיקע בילד האָט אַפילו דעם מוסיקסטן פון אונדז אָנגעפילט מיט אימה.

3

דער גענעראַל האָט געפונען פאַר נייטיק צו שיקן אַ דעלעגאַציע צום אינקאַ. ער האָט דערצו אויסגעקליבן דעם יונגן ריטער הערנאַנדאָ דע סאָטאָ, וועלכער איז געווען מײַן אויפריכטיקער פרײַנד, און פּיפּצן רײַטער. אין לעצטן אויגנבליק האָט דע סאָטאָ אויסגעפועלט בײַם גענעראַל די דערלויבעניש פאַר מיר, אַז איך זאָל אים קענען באַגלייטן. פון וואָס איך בין געווען צופרידן.

מיר זענען אַרויסגעפאָרן באַגינען. די בערג ביז אין עטצר געטורעמט פון רעכטס, די בלײַענדיקע פלײנען פאַר אונדז פון לינקס, — אַלץ איז געווען אַזוי נײַ, אַז איך האָב נאָר געקוקט און געשטוינט.

אין אַ שעה אַרום זענען מיר געקומען צו אַ ברייטן טײַך, איבער וועלכן ס'איז געווען אויסגעבויט אַ שיינע הילצערנע בריק. דאָרט האָט מען אונדז אָפּגעהאַלטן און אָנגעפירט אין לאַגער פון אינקאַ. אינגיכן זענען מיר געשטאַנען אין אַ גערוימען הויף וואָס איז געווען אַרומגערינגלט מיט אַ זײַלן־גאַלעריע. די זײַלן האָבן געהאַט קינסטלערישע גאָלדפאַרפּוצונגען, די מויערן זענען

געזען מיט געלן און קאַבאַלט־בלויען טינק באַדעקט. אין דער מיט האָט זיך געפֿונען אַ קײַלעכיקער שטיינערנער בעקן, וואָס איז דורך קופּערנע רערן באַזאָרגט געוואָרן מיט קאַלטן און וואַרעמען וואַסער. פּראַכטפֿול אויסגעצירטע איידללײַט און פֿרויען האָבן אַרומגערינגלט דעם קיניג, וועלכער האָט געטראָגן אַ שאַרלאַך־רויטן מאַנטל און אויפֿן שטערן דעם צייכן פֿון זײַן הערשאַפֿט, די רויטע באָרלאַ, וואָס אירע פֿראַנדזן זענען אים אַראָפּגעהאָנגען ביז איבער די אויגן.

ער האָט געהאַט אַ שיין פּנים מיט אַ זעלטענעם קרישטאַלענעם אויסדרוק און האָט געקענט אַלט זײַן בערעך דרײַסיק יאָר. די געשטאַלט איז געווען קרעפֿטיק און שלאַנק, זײַן וועזן באַפֿעלעריש, דערבײַ האָט ער זיך געהאַלטן אַזוי פֿרײַ, אַז מיר זענען געווען פֿאַרכידעשט. דע סאָטאָ האָט מיטגענומען דעם איבערזעצער פֿעליפּיליאָ, אַ נישט לאַנג געקריסטלטן אײַנגעבוירענעם, אַ מענטש אַ זייער כיטרער, וואָס האָט שפּעטער גוירעס געווען אַ סאַך שלעכטס, ווי איך וועל אין דער געהעריקער צײַט דערציילן. ער איז געווען אין קאַס אויף זײַנע לאַנדסלײַט. די סיבע פֿון דעם האָבן מיר קיינמאָל נישט געקענט דערגיין. ער איז געווען דער איינציקער מוירעד און פֿאַררעטער וואָס מיר האָבן אין פּערו געטראָפֿן.

מיט זײַן הילף האָט זיך דע סאָטאָ געווענדט צום אינקאַ מיט אַ רעדע. ער האָט איבערגעגעבן די גרוסן פֿון גענעראַל און אײַנגעלאַדן דעם אינקאַ מיט דערעכערעצדיקע ווערטער, ער זאָל באַחיליקן צו באַזוכן אונדזער פֿירער.

אַטאַהואַלפּאַ האָט גאָרנישט געענטפֿערט. קיין מינע און קיין בליק האָט נישט געלאָזט באַמערקן, אַז ער האָט די רעדע פֿאַרשטאַנען. זײַנע וויִעס זענען געווען אַראָפּגעלאָזט און ס'האָט אויסגעזען, אַז ער איבערלייגט זיך, וואָס באַטײַטן די געהערטע ווערטער. נאָך אַ ווײַלע האָט איינער פֿון די אַרום אים שטייענדיקע איידללײַט געזאָגט: „ס'איז גוט, פֿרעמדער".

דע סאָטאָ האָט אָבער זייער העפֿלעך און זייער האַכנאָעדיק געבעטן דעם אינקאַ, ער זאָל אים אַליין מיטטיילן, וואָס ער האָט באַשלאָסן. אויף דעם האָט אַ שמייכל זיך אַריבערגעגליטשט איבער אַטאַהואַלפּאַס פּנים. איך האָב דעם דאָזיקן שמייכל שפּעטער צו

נאָך אָפּט באַמערקט, און ער פֿלעגט מיך יעדעס מאָל מעשוגעדיק אַרן. ער האָט געענטפערט דורך פעליפיליאָס מויל: „מעלדעט אייער פירער, אַז איך פאַסט טאַגייסים, וואָס ענדיקן זיך היינט. מאָרגן וויל איך אים באַזוכן. ער מעג ביז מיין אָנקום באַווינען די געביידעס ביים פלאַץ. אָבער קיין אַנדערע נישט. וואָס ס׳זאָל נאָך דעם געשען, וועל איך באַפעלן".

ס׳האָט זיך ווידער איינגעשטעלט אַ שטילשווייגעניש. מיר זענען נישט אַראָפּ פון די פערד, ווייל מיר האָבן זיך אין די זאָטלען געפילט זיכערער און אויף די פערואַנער אָנגעיאָגט מער שרעק, אַזוי ווי מיר האָבן עס געוווּסט פון דער דערפאַרונג. דע סאָטאָ האָט באַמערקט, אַז דער אינקאַ באַטראַכט מיט גרויס אויפמערק־זאַמקייט דאָס פייערדיקע פערד, אויף וועלכן ער איז געזעסן. וואָס האָט אומרויִק געמאַלעגיירעט און געריבן די ערד. דע סאָטאָ האָט פון טאָמיד אָן זיך געגרייסט מיט זיין רייטקונסט; האָט עס אים איצט זיך פאַרוואָלט די קונסט זיינע אַרויסווייזן, טראַכטנדיק אַז דאָס וועט אויף דעם פירשט ווירקן אַ ביסל אָפּשרעקנדיק. ער האָט אַ צי געטון דעם פערדס ציימל, דערלאַנגט אים מיט די שפּאָרן און זיך אַוועקגעלאָזט איבערן פלאַץ. דאַן האָט ער עס אַ ריס געטון און אין פולן לויף עס איינגעהאַלטן, קימאַט אויף די הינ־טערשטע פיס עס וואַרפנדיק אַזוי נאָענט פון אינקאַ, אַז אַ ביסל פון שוים, וואָס האָט באַדעקט דעם פערדס נאָזלעכער, האָט אַ שפּריץ געטון אויף דעם קיניגס קליידער.

די לייבוואַך און הויפלייט זענען פון דעם נאָך קיינמאָל נישט געזען ספעקטאַקל אַזוי געוואָרן איבערראַשט, אַז זיי האָבן אימגערן אויסגעשטרעקט די אָרעמס און ביי דער שטורמישער דערנענטערונג פון פערד דערשראָקן זיך צוריקגעצויגן. אַטאַהואַלפּאַ אַליין איז געבליבן אַזוי קאַלט און רויִק ווי פריִער. שפּעטער האָט זיך פאַרשפּרייט אַ לעגענדע, אַז ער האָט יענע פון זיינע לייט וואָס האָבן ביי דער געלעגנהייט אַרויסגעוויזן אַזאַ כאַרפעדיקע פּאַכ־דאָנעס, געהייסן נאָך דעם זעלבן טאָג קעפּן. אָבער דאָס ווי אַ סאַך ענלעכס, וואָס איך האָב געהערט, איז נישט מער ווי פּוסטע און בייזוויליקע רעכילעס, וואָס האָט געזאָלט פאַרמיִעסן דעם קיניגס געשטאַלט.

מיר האָבן מיט דערעכערעץ זיך געזעגנט מיט אטאַהואַלפּאַ
און זענען אַוועקגעריטן צוריק צו אונדזערע מיט גאַנץ אַנדערע
איינדרוקן ווי עטלעכע שאָ פריִער. מיר האָבן געזעען דעם אינקאַ
אין קרייז פון אַ מיליטערקראַפט, קעגן וועלכער ס'איז געווען
אומזיניק צו קעמפן. מיר האָבן געציילט דריי הונדערט מאַן; נאָך
דריי הונדערט האָבן מיר דערוואַרט אַלס פאַרשטאַרקונג פון סאַן
מיגועלע. וואָס קענען זעקס הונדערט אויפטון קעגן די מיריאַדן ז
דער פערוואַנער לאַגער האָט אונדז געוויזן אַ גלאַנץ און אַשי-
רעס, וואָס האָט אין אונדז דערוועקט אַ פּאַכעד פאַר די מעגלעכ-
קייטן פון דעם ביז איצטער דורך אינדז נישט דערשאַצטן פאָלק;
דערצו אַ דיסציפלין און אַ זעלבסטבאַוווסטזיין וואָס האָבן
איידעס געזאָגט וועגן אַ באַדייטנדיק העכערן קולטור-צושטאַנד
פון אַלץ, וואָס מיר האָבן אין די ברעג-געגנטן געזען.

גאָלד האָבן מיר דערזען איבערגעניג. מיינע אויגן האָבן מיר
נישט געקלעקט צו קענען עס אַרומנעמען. די קלאַנגען האָבן זיך
אַרויסגעוויזן פאַר נישט ליגנעריש און נישט איבערגעטריבן. ס'איז
קיין ספק נישט, אַז מיר זענען געקומען צום ציל פון אונדזערע
הייסטע ווונטשן, אַריבערטרעטנדיק די גרענעצן פון דאָזיקן צווי-
בערלאַנד. אָבער ווי אַזוי זאָלן מיר דאָס גאָלד קריגן? איז עס
דען נישט גרויזאַמער צו שטיין אַ שריט פאַר דער פאַרווירקלע-
כונג פון טרוים און מוזן רעזיגנירן, איידער צו שפּילן זיך מיט
אַ פינקלענדיקער האָפענונג? מיר האָבן מיט זין געברענגט אין
לאַגער מוטלאָזיקייט און די כאַוויירים האָבן זיך מיט דעם אָנגע-
שטעקט. דאָס געפיל האָט זיך נישט פאַרמינערט, ווען די נאַכט
איז צוגעפאַלן און מיר האָבן פון די אַרומיקע בערג-שפּיצים דער-
זען די פערואַנישע וואַכפייערן אַריבערלייכטן צו אונדז אַזוי גע-
דיכט ווי די שטערן אויפן הימל.

דעמאָלט איז אָבער דעם גענעראַלס אייגנאַרטיקע קראַפט
און דרייסטקייט געוואָרן פאַר אינדז אַ פעסטער אָנהאַלט. דער
געדאַנק, אַז מיר געפינען זיך אין אַ לאַגע אָן אַן אויסוועג, האָט
אים צופרידנגעשטעלט. איצט איז דער גאַנצער איניען געווען אין אַזאַ
צושטאַנד, ווי ער האָט אים געוואָלט האָבן. ער איז אַרומגעגאַנגען

איבער אַלע מענטשן אין זיי אַלע צוגעגעבן מוט, געווען צו זייער געווויסן. זיי זאָלן זיך נאָר אויף זיך אַליין פאַרלאָזן און אויף גאָט־וועלכער האָט זיי שוין דורך אַזויפיל שרעקלעכע ניסיונעס אַדורכ־געפירט, האָט ער געזאָגט; מעגן אַפילו די פײַנד זײַן צען טויזנט מאָל מער, וואָס פאַר אַ באַדײַטונג האָט עס קעגן הימל וואָס איז מיט זיי? ער האָט געוועקט זייער אַמביציע און צוגעזאָגט אום־געוויינטלעכע רײַכטימער; ער האָט די אונטערנעמונג פאַרגע־שטעלט ווי אַ קרײַצצוג קעגן די אומגלויביקע און דערמיט אויפסגײַ־צעבלאָזן דעם טליִענדיקן פונק פון באַגײַסטערונג.

נאָך דעם האָט ער צוזאַמענגערופן די אָפיצירן אויף אַ באַ־ראַטונג. מיר זענען געקומען אין הויז, וואָס ער האָט באַוווינט מיט זײַנע צוויי ברידער, אין דעמאָלט האָט ער אַנטוויקלט פאַר אונדז דעם דרייסטן פּלאַן, אויף וועלכן ער האָט זיך אַנטשלאָסן. ער האָט בגהאַלט אַרײַנגעבראַכט דעם אינקאַ אין אַ באַהעלטעניש און אים אין די אויגן פון זײַן גאַנצן מיליטער נעמען געפאַנגען.

מיר אַלע זענען בלאַס געוואָרן. מיר האָבן זיך באַמיט אים דערפון אָפּצורעדן. מיר האָבן עס געהאַלטן פאַר אַ העכסט געפערלעכן, יאָ, אַפילו אַ פאַרצווייפלטן שריט. ער אָבער האָט אונדז טרוקן געענטפערט: איז דען אונדזער לאַגע אויך נישט אַ פאַר־צווייפלטע, דראָט דען נישט אונדז אויף אַלע זײַטן דער אונטער־גאַנג אין איז דען נישט שוין צו שפּעט צו טראַכטן וועגן אַנט־לויפן, אין וועלכער זײַט אַפילו מיר זאָלן נישט וועלן אַנטלויפן? די לאַנדשאַפט אַליין האָט זיך דאָך אין אַ טפיסע פאַרוואַנדלט. רויִק אויסצוווארטן איז נישט חייניקער געפערלעך; דעם אינקאַ אין אָפענעם פעלד אַנצוגרײַפן, אַ מעשוגאַס; בלײַבט דעריבער איינס נאָך איבער, זײַן פערזאָן זיך צו פאַרזיכערן; דערפון דערוואַרט ער אַזאַ אויסערגעוויינלעכע ווירקונג אויפן לאַנד, אַז אַלע אַנ־דערע מיטלען זענען אין פאַרגלײַך מיט דעם שוואַך און אָן באַ־דײַטונג.

איך זע אים נאָך איצט פאַר מיר, ווי ער קוקט זיך אַרום מיט אַ פינצטערער פראַגע אויפן פּאָנעם, מיט אַ געבײַלטער פויסט אויפן האַרצן. ער האָט דערזען נאָר אַראָפּגעלאָזטע קעפּ, וואָרעם זײַן פּלאַן האָט אונדז שטאַרק דערשראָקן. ער האָט אָבער גע־וווסט, אַז ער קען אויף יעדן פון אונדז רעכענען, אין יעדן פאַל

זײַן ווילן איז געווען אַ קראַפּט, וועלכער מען האָט נישט געקענט זיך קעגנשטעלן.

מיר זענען זיך צעגאַנגען אין אונדזערע ווינונגען און געצעלטן, אָבער נישט אויף צו שלאָפן. מײַנע אויגן לעפּאָכעס האָבן אין יענער נאַכט קיין שלאָף נישט פּאַרזוכט. איך בין געלעגן און זיך צוגעהערט צו דער פינצטערער שטים פון דער ערד און דעם פּליסטערן פון בייזן דעמאָן אין מײַן ברוסט. און אַזוי איז אויך מיט די איבעריקע געווען.

5

פאַר אונדז אַלע איז דאָס לאַנד געווען סוידעסדיק ווי אַ ספינקס, אַ בילד פון אומפאַרשטענדלעכע געשעענישן, פון אַ גיגאַנטישער נאַטור, וואָס איז אין צוזאַגן רײַכער ווי אין מאַטאַנעס. שוין דער הערלעכער אָנבליק פון די בערג אַליין, ווי זיי שטייגן אַרויס פון יאַם — אַ פאַרזאַמלונג פון שרעקלעכע ריזן; די ווײַספינקלדיקע שניישפּיצן, ענלעך צו הימלישע קרוינען וואָס צעגייען קיינמאָל נישט פון דער עקוואַטאָרשער זון, העכסטנס בלויז אונטער דער צעשטערנדיקער היץ פון זייער אייגענעם ווולקאַנישן פײַער; די מעשופּעדיקע אַראָפּהענגען פון דער סיערראַ מיט מילד צעשפּאָלטענע ווענט פון פּאָרפיר און גראַניט, און די שטורמישע גלעטשערשטראָמען און אומגעהײַער טיפע אָפּגרונטן; און אינעווייניק, אין שויס פון די בערג די אויצרעס פון די איידלשטיינער, קופּער, זילבער, גאָלד, וועגן וועלכע מען האָט געוווסט און וועלכע מ'האָט בלויז געאַנט.

גאָלד. קוידעמקאָל גאָלד! דער גרעסטער טרוים! פול דערמיט די שפּאַלטן, פול אין די שטיינער, גרינלײַכטנדיקע אָדערן אונטערן אײַז, רויטגליִענדיקע שטענגלעך אין די היילן, אין די פּעדערן פון די פייגל און אין זאַמד פון די סטעפּן, און די וואָרצלען פון די געוויקסן און אין ריזלען פון די קוואַלן.

קעדייי צו געווינען גאָלד האָבן מיר דאָך דאָס היימלאַנד פאַרלאָזט און אַלע שוועריקייטן אויף זיך גענומען, אַלע ניסיונעס פון אַ געפּאַרפולן לעבן אויף זיך גענומען און פון אַן אומבאַקאַנטער וועלט. מײַן גאַנצער זינען איז געווען געווענדט אויף דעם, ווי צו דערגיין צו רײַכקייט. און דערין איז קיין אונטערשיד נישט געווען

צווישן מיר און אַלע מײַנע באַגלייטער, די ריטער ווי די איינפאַ־
כע סאָלדאַטן, איז דאָך גאַנץ שפּאַניע, גאַנץ אייראָפּע אפילו גע־
ווען דעמאָלט פאַרטון אין אַ פיבערנדיקן טומל, אַזוי אַז קינדער און
זקיינים, גראַנדן בײַם הויף און באַנדיטן אויף די וועגן, דער בײ־
שאָף און דער פויער, דער קייזער און זײַן נידעריקסטער קנעכט,
האָבן קיין אַנדערן געדאַנק נישט געהאַט ווי נאָר די אוצרות
פון ניי־אינדיע. דער פאַרניכטנדיקער פיבער האָט אויך מיך אַרומ־
גענומען און איז טיף אין דער נעשאָמע געדרונגען און דאָרט
יעדעס ליכט אויסגעלאָשן.

6

מיר האָבן געוווּסט וועגן טעמפּלען וואָס האָבן דעכער און
טרעפּ פון גאָלד; מיר האָבן געזען געשיר און צירונג און קליי־
דער פון ריינסטן גאָלד; מען האָט אונדז דערציילט וועגן גערט־
נער, אין וועלכע די בלומען זענען מײַסטערישע נאָכגעמאַכטס פון גאָלד
ספּעציעל אינדיאַניש קאָרן, וואָס האָט געהאַט זײַנע גאָלדענע זאַנ־
גען האַלב אײַנגעשלאָסן אין ברייטע זילבערנע בלעטער, בעשאַס
דער לײַכטער קנאָספּן־בינטל, פּרעכטיק פון זילבער אויסגעאַרבעט, איז
אַראָפּגעהאָנגען פון שפּיץ. גאָלד איז אין דעם לאַנד געווען אַזוי גע־
וויינלעך ווי בײַ אונדז דאָס אײַזן אָדער בלײַ, און אין דער ווירק־
לעכקייט האָבן די פּערואַנער די ביידע נישט געקענט, נישט
אײַזן, און נישט בלײַ.

שווער איז געווען צו באַנעמען און פּײַנלעך מעשוגעדיק.
אַז פאַר דעם היגן מענטשן האָט דאָס גאָלד — דער לעצטער
ציל און הייסטער באַגער פון דער איבעריקער מענטשהייט—נישט
געהאַט קיין שום באַדײַטונג. עס איז נישט געווען קיין טויש־
מיטל, נישט קיין באַזיץ־מיטל, נישט קיין מאָס, נישט קיין ציל.
עס איז נישט געווען קיין מיטל צו שטויסן צו אַרבעט, ס׳האָט
נישט געלאָקט און נישט געפּײַניקט און קיינעם נישט געמאַכט
שלעכט און קיינעם נישט גוט און קיינעם נישט שטאַרק און
קיינעם נישט שוואַך. מען האָט געקענט מיינען: אויב דאָס אַלץ איז
נישט גאָלד, איז עס עפּעס אַן אַנדערער מעטאַל אָדער אַי־
דעלער עלעמענט; אָבער ס׳איז נישט אַזוי געווען. דער באַ־
זיץ איז בײַ זיי געווען אַנדערש געאָרדנט ווי אין דער גאַנ־

צער וועלט, אויף אַ לעגענדאַרן אופן, וואָס האָט אונדזער גייסט באַאומרויִקט.

איך מיין דאָ די געזעלשאַפטלעכע איינאָרדענונג פון די מענטשן. מיליאָנען-מיליאָנען אַבסאָלוט גלייכע צווישן זיך, און איי־בער זיי אַלע אומענדלעך הויך דער אינקאַ. אַזאַ מין פאַרגע־כערונג פון אַ שטערבלעכן מענטשן האָט, וויפל מיר איז באַ־קאַנט, נאָך אין ערגעץ נישט עקזיסטירט און וועט מיסטאָמע קיינמאָל אין ערגעץ נישט זיין. איך האָב קעסיידער אַ סאַך באַ־וויזן דערפון געקריגן און אַ סאַך באַריכטן געהערט. פון אים איז געפלאָסן אַלדאָס גוטס און שלעכטס, אַלע גנאָד, אַלע ווערדיקייטן, אַלדאָס פאַרמעגן. אויף זיין באַפרענדזולטער באָרלאָ האָט ער געטראָגן צוויי פעדערן פון דעם זייער זעלטענעם פויגל קאָראַקווענקווע, וואָס לעבט אין אַ וויסטע צווישן בערג און מען געהרגעט ווען נאָר קעדיי צו באַפוצן דעם קיניג־לעכן קאָפּ.

מען האָט מיר דערציילט, אַז אין די גאָר אַלטע צייטן האָט דאָס פאָלק געלעבט אָן ליכט און אָן געזעצן. דעמאָלט האָט די זון, דאָס גרויסע ליכט און די מוטער פון דער מענטשהייט, דערשפּירט אַ גרויס ראַכמאָנעס אויף זייער נידע־ריקן מאַצעוו און זי האָט צו זיי אַראָפּגעשיקט צוויי אירע קינדער, זיי זאָלן די מענטשן ברענגען די בראָכעס פון אַ געאָרדנט לעבן. דאָס איבערערדישע פּאָרפאָלק, אַ ברודער און אַ שוועסטער, צוגלייך — מאַן און ווייב, האָט געוואַנדערט איבער דעם הויכן פליין; זיי האָבן געפירט מיט זיך אַ גאָלדענעם שטעקן, און פאַרזאָרגט האָט מען זיי, אַז זיי זאָלן זייער זיצ־אָרט דאָרטן אויסוויילן, ווו דער שטעקן וועט אָן מי אין דער ערד אַריינדרינגען. אין פרוכטבאַרן טאָל פון קוזקאָ איז דער וואונדער געשען, דער גאָלדענער שטעקן איז פון זיך אַליין פאַרשווונדן אין דער ערד.

פון די ביידע ליכטיקע וועזנס האָט אָפּגעשטאַמט דער אינקאַ און דאָס גאַנצע לאַנד איז געווען זיין אייגנטום.

דאָס גאַנצע לאַנד איז פאַר דער ערד-באַאַרבעטונג גע־װען צעטיילט אין דריי טיילן: איינער פאַר דער זון, איינער פאַר דעם קיניג און איינער, דער גרעסטער, פאַרן פאָלק.

יעדער פערזאָנער האָט געמוזט צו צוואָנציק יאָר כאַסענע האָבן און דעמאָלט האָט אים די געמיינדע פאַרזאָרגט מיט אַ וווי־נונג און פאַר אים באַשטימט אַ שטיק ערד. אָבער די טיילונג פון באָדן איז יעדן יאָר באַנײַט געוואָרן און דער כּיילעק איז יעדעס מאָל לויט דער צאָל פאַמיליע־מיטגלידער פאַרגרעסערט אָדער פאַרקלענערט געוואָרן. צוערשט האָבן געמוזט באַאַרבעט ווערן דער זונס פעלדער; דערנאָך די כאַלאָקים פון די זקיינים, קראַנקע, אַלמאָנעס, קורץ — די אַלע, וואָס האָבן צוליב וועלכער ס'איז סיבע אַליין נישט געקענט זייערע איניאָנים דערליידיקן; נאָך דעם איז געגאַנגען לויט דער רײַ דער באָדן, וואָס האָט געדאַרפט דעקן דעם אייגענעם באַדאַרף. דאָך איז יעדער גע־ווען פאַרפליכטעט צו העלפן זײַן שאָכן, ווען יענער האָט גרייַ־לעך געהאַט אַ יונגע און צאָלרײַכע פאַמיליע. צולעצט איז באַ־זאָרגט געוואָרן דעם אינקאַס באָדן, און דאָס איז געשען מיט גרויס פײַערלעכקייט און דורכן גאַנצן פאָלק צוזאַמען. קאַיאָר האָט מען פון אַ טורעם אַראָפּגערופן צו אַ פאַרזאַמלונג, און מענער, פרויען, קינדער זענען געק מען אין זייערע שענסטע קליידער און פרייליך גע־אַרבעט אַ גאַנצן טאָג פאַר זייער האַר און געזונגען דערבײַ אַל־טע לידער און געזאַנגען. אַזוי האָט מען מיר דערציילט, און עס איז וואָר.

קאָלעקטיוו פאַרמעג איז געווען דער אַקעראײַזן, דער שײַ־ער, דער זאָמען און דאָס ברויט. קאָלעקטיוו פאַרמעג זענען גע־ווען די סטאַדעס. צו דער פעסטגעשטעלטער צײַט האָט מען די שאָף געשוירן. די וואָל האָט מען אין די עפנטלעכע שפּײַכלערס געליפערט און יעדער פאַמיליע אַזויפיל דערפון צוגעטיילט און די פרויען צום שפּינען און וועבן איבערגעגעבן, וויפל זיי האָבן גע־דאַרפט. אַלע האָבן געמוזט אַרבעטן, פון קינד ביז דער מאַטראָנע, אויב נאָר זי איז נישט צו שוואַך געווען צו האַלטן דאָס שפּינ־ראָד. ס'איז קיינעם נישט געווען דערלויבט אַרומצוגיין ליידיק: ליידיק גיין איז געווען אַ פאַרברעכן.

קאָלעקטיוו פאַרמעג זענען געווען די גרובנס, די שמעלץ־אויוונס, די שטיינהאַקערײַען, די בריקן, די גאַסן, די וועל־דער, די הײַזער, די גערטנער. קיין שום מענטש האָט נישט געקענט רײַך ווערן, קיינער אָרעם ווערן, קיין שום פאַרשווענדער

האָט נישט געקענט זײַן פּאַרמעג אויף אַן אומבאַרעכנטן אויפֿן צעפּאַטערן, קיין שום שפּעקולאַנט זײַנע קינדער דורך פאַרברע-כערישע געשעפֿטן רויִנירן. ס'איז נישט געווען קיין בעטלערס, ס'איז נישט געווען קיין אונטערלעקערס. איז אַ מענטש צוליב אַן אומ-גליק רויִנירט געוואָרן, וואָרעם צוליב אייגענע שולד איז עס אוממעג-געווען, איז די מעלוכע געווען גרייט אים צו העלפֿן. זי האָט אים דערמיט נישט באַליידיקט, טוענדיק אים אַ טויווע, נאָר זי האָט אים צוריקגעשטעלט אויף אַ גלײַכער הויך מיט אַלע אַנדערע, אַזוי ווי דאָס געזעץ פאַרלאַנגט. אומבאַקאַנט איז געווען גײַציקייט און גיריקייט, אומרויִקייטן און דער קרענקלעכער גײַסט פֿון אומ-צופֿרידנקייט, פּאָליטישע לײַדנשאַפֿט און עגאָיִזם. קיינער האָט נישט געהאַט קיין אייגנטום. אַלץ האָט געהערט צו אַלע, און אַלץ, נישט נאָר דאָס לאַנד אַליין, האָט געהערט צום אינקאַ, דעם וועזן פֿון הימלישער אָפּשטאַמונג.

דאָ איז אַנטשטאַנען די ספּייקעספּולע פֿראַגע: צי איז דאָס ווילדקייט אָדער אַנטוויקלונג, אַ פֿאָרם פֿון אַ באַרבאַרישן און קינ-דישן לעבן אָדער פֿון אַ פֿאָרגעשריטענעם און העכערן? צי דאַרף מען דאָס האַלטן פֿאַר עקלדיק און דערפֿאַר פֿאַרניכטן, אָדער דאַרף מען עס שוינען, עפּשער עס שעצן אַלס אַ שטייגער פֿון אַ מענטשלעכן צוזאַמענלעבן, וואָס איז דאַפֿקע געווונטשן? ס'איז אונדז געווען וויכטיק צו וויסן, צי האָבן מיר פֿאַר זיך רויע און טעמפּע שקלאַפֿן, וועדקצײַג פֿון אַ טיראַן פֿון אַ בײַשפּיללאָזער הערשקראַפֿט, אָדער איידעלערע און ריינערע באַשעפֿענישן איידער די מענטשן פֿון דער קריסטלעכער וועלט.

איך האָב דאָ נישט געקענט געפֿינען נישט קיין ניין, נישט קיין יאָ, האַגאַם נאָך אַ גענויען ייִשעוו איז מיר גיכער פֿאָרגעּ-קומען, אַז מיר האָבן דאָ צו טון מיט פֿאַרביסענע פֿאַרלייקענערס פֿון אײַנריכטונגען וואָס זענען שוין טויזנטער יאָרן אַלט און וועל-כע קענען נישט אָפּגעשאַפֿן ווערן, סײַדן דער גאַנצער מענטשלע-כער מין וועט דערפֿון לײַדן. אָפּזאָגן זיך פֿון אייגנטום, דאָס הייסט דאָך אָפּזאָגן זיך פֿון פֿון לוין און פֿון קאָוועד, פֿון קאָנקורענץ און אויסצייכענונג, קאַריערע און אַלע פֿריידן פֿון צופֿאַל און פֿון אַלץ וואָס שיידט אונטער דעם מײַן פֿון דײַן און דעם איך פֿון דעם דו. דער געדאַנק איז צו שרעקלעך און צו אַפּיקאָרסיש גע-

װען און מען האָט געמוזט אָננעמען דעם פעסטן באַשלוס אים צו פאַרטיליקן פון דער ערד.

אַזוי האָט זיך מיר אין יענער נאַכט אויסגעדוכט, שפּע־טער האָב איך װעגן דעם אַנדערש געטראַכט. איך האָב מיך אומ־רויִק געדרייט אויף מײַן קאַרגן געלעגער און געוואַרט אויפן אָנ־קום פון טאָג.

7

דאָס איז געווען אַ טאָג, וואָס האָט זיך אָנגעהויבן מיט פּאַר־ראַט און געענדיקט מיט בלוט. ער האָט דערנידעריקט דעם אינ־קאַ און זײַן פאָלק אויף אײביקע יאָרן און פאַרוואַנדלט דאָס לאַנד אין אַן אָרט פון פײַער און מאָרד. דאָס קען מען מער נישט פאַר־באַרגן און די שפורן זעט מען נאָך אַפילע הײַנט, ווען איך שרײַב די שורעס.

טראָמפּייטן־שאַלן האָבן אונדז גערופן צום וואָפן. די רײַטע־רײַ האָט מען אויסגעשטעלט הינטער די געבײַדעס, די פוסגייער אין די האַלעס. די שאָען זענען געמיטן און מיר האָבן שוין גע־רעכנט, אַז אונדזערע באַמיִונגען זענען געווען אומזיסט, ווי פון אינקאַ איז געקומען אַ יעדיִע, אַז ער איז אונטערוועגס.

אָבער ערשט אַרום האַלבן טאָג האָבן די פּערוּאַנער זיך באַוויזן אויף דעם ברייטן קינסטלעכן וועג. פאָרויס זענען גע־גאַנגען אַ מענגע דינער, וואָס זייער אויפגאַבע איז געווען אָפּצו־רייניקן אַלע שטערונגען אויפן וועג ביז די סאַמע קלענסטע שטיי־נער. בלעטער. באַשפּעניש. הויך איבערן אוילעס איז אַטאַהואַלפּאַ געזעסן אויף אַ טראָן, וואָס ס'האָבן געטראָגן אויף די פּלייצעס אַכט כאַשעווע אַדללײַט. און בײַ די זײַטן זענען געגאַנגען אַנדערע זעכצן, אויסערגעוויינלעך אויסגעפּוצט.

דער טראָן איז געווען פון ריינעם גאָלד און האט ווי אַ זון געפֿיאָרפן שטראַלן. רעכטס און לינקס האָבן אַראָפּגעהאָנגען טע־פּעכער, געפלאָכטן מיט קימאַט אומבאַגרײַפלעכער קונסט פון בונ־טע פעדערן פון טראָפּישע פייגלען. אַ סאַך פון אונדז האָבן אויס־געשטעלט זייערע גיריקע בליקן אויף דער דאָזיקער ווערטפולער זאַך.

אָבער פון אַלע אויגן זענען מײַנע זיכער געווען די גיריקס־

טע. איך האָב זיי נישט געקענט אָפּרײַסן פון דער פינקלדיקער הערלעכקייט און מײַן האַרץ האָט געקלאַפּט מיט דרײַפאַכער גי-ריקייט.

אויף דעם אינקאַס האַלדז איז געווען אַ קייט פון וואונדער-לעך גרויסע שמאַראַגדן. זײַנע קורצע האָר האָט באַצירט אַ קראַנץ פון קינסטלעכע בלומען פון אַניקס, טורקוסן, גאָלד, און זילבער-בלומען און טײַערע שטיינער. געהאַלטן האָט ער זיך אַזוי רויִק, אַז ס'האָט זיך געדאַכט, אַז אַ בראָנזענע - פיגור איז געזעסן דאָרט אויבן.

אַרויסקומענדיק אויפן פּלאַץ, האָבן זיך די פֿאָדערשטע רייען פון דער פּראָצעסיע פאַרטיילט אויף ביידע זײַטן, דורכלאָזנדיק אויף פאַרויס די קיניגלעכע סוויטע. בײַ אַן אַבסאָלוטער שטיל-קייט האָט אַטאַהואַלפּאַ זיך אַרומגעקוקט אויף די זײַטן מיט אַ וויכנדיקן בליק, בעשאַס מיר האָבן פון אינעווייניק אָבסערווירט יעדנס פּאָנעם און באַוועגונג.

דעמאָלט איז אַרויסגעטרעטן אונדזער מיטגעקומענער גײַסטלעכער, פּאַטער וואַלווערדע, מיט אַ ביבל אין דער רעכטער האַנט, מיט אַ צײלעם אין דער לינקער, האָט ער גענענט צו דעם אינקאַ און געווענדט זיך מיט אַ רעדע. פעליפּיליאָ האָט זײַן רע-דע איבערגעזעצט. דער דאָמיניקאַנער האָט גערופן אַטאַהואַלפּאַן זיך אונטערצוואַרפן דעם שפּאַנישן קיניג, דעם מעכטיקן באַהער-שער פון דער וועלט, וואָס האָט באַפוילן דעם דינער זײַנעם פּי-זאַראָן צו באַהערשן די לענדער פון די געצנדינער.

דער אינקאַ האָט זיך קיין ריר נישט געטון.

דער פּאַטער וואַלווערדע האָט איבערגעכאַזערט זײַן ווענ-דונג און צוגעגעבן, אַז אויב דער אינקאַ וועט זיך דערקלערן פאַר אַ צינזצאָלער דעם קיניגס, וועט דער קיניג אים באַשיצן ווי אַ טרײַען וואַסאַל און וועט אים אַרויסהעלפן אין אַלע זײַנע נויטן.

ווידער איז געקומען פונקט אַזאַ שווײַגן ווי פריִער.

צום דריטן מאָל האָט דעמאָלט אָנגעהויבן רעדן דער מאָ-נאַך, און אין נאָמען פון אונדזער האַר און דערלייזער האָט ער זיך געווענדט צו דעם אינקאַ מיט אַ הייסן רוף אָנצונעמען דעם הייליקן גלויבן, וואָס קען נאָר אַליין אים ברענגען אייביקע גליקלעכקייט און פאַרהיטן פון געהענעם-פּײַן.

דער אינקאַ האָט נישט געענטפערט אויף דאָס מאָל. פאַרשטיינערט איז ער געזעסן אויף זײַן טראָן און אָנגעקוקט דעם מאָנאָך, האַלב פאַרווונדערט, האַלב פאַרדראָסיק. יענער האָט הילפלאָז אַראָפּגעלאָזן די אויגן, דאָס פּאָנעם זײַנס איז בלײַך געוואָרן, און אומזיסט האָט ער געזוכט אויפקלערערישע ווערטער פאַר אַ נײַעם רוף, און פלוצלונג אומקערנדיק זיך, האָט ער אויפגעהויבן דעם צײלעם אין האַנט ווי אַ פאָן.

דעמאָלט האָט דער גענעראַל דערזען, אַז די צײַט איז געקומען און ווײַטער טאָר מען זיך נישט וואַקלען. ער האָט אַ מאַך געטון מיט אַ ווײַס טיכל, און עס האָט אַ דונער געטון אַ האַרמאַט. ס'האָט זיך דערהערט דער קריגסרוף סאַן־יאַגאָ, פון דער באַהעלטעניש האָבן ווי אַ דורכגעריסענער שטראָם זיך אַ לאָז געטון רײַטער, און געליימטע פון איבערראַשונג, פאַרטויבטע פון די געשרייען, פונעם קנאַלן פון די ביקסן און דונערן פון די צוויי האַרמאַטן, פאַרבלענדטע פון רויך, וואָס האָט זיך פאַרשפרייט איבערן פלאַץ און שוועבלדיקע קוילן, האָבן דעם אינקאַס מענטשן נישט געוווּסט וואָס צו טון, וווּהין צו לויפן. די מענטשן האָבן זיך געוואַלגערט אין אַ קופּע אונטער דעם אָנדראַנג פון די רײַטער. און איך האָב געזען נאָר אַ קנויל פון רויטע און בלויע פאַרבן פאַר מיר. קיינער האָט נישט אַרויסגעוויזן קיין ווידערשטאַנד, און דערצו זענען זיי גאָרנישט געווען געניגנד באַוואָפנט. אין אַ פערטל שאָ אַרום זענען אַלע אַרויסגאַנגען פון פלאַץ געווען פאַרלייגט מיט הרוגים און די קאַרבאַנעס פונעם אָנפאַל האָט אַרומגעכאַפּט אַזאַ טויטשרעק, אַז אַ סאַך האָבן אין פיבערדיקער אָנשטרענגונג מיט אומבאַוואָפנטע הענט געבראָכן די ציגלנע ווענט, וואָס האָבן אַרומגערינגלט דעם פלאַץ.

איך ווייס נישט, ווי לאַנג ס'האָט געדויערט די שרעקלעכע שכיטע. מײַנע געדאַנקען זענען געווען פאַרנעפּלט פונעם אָנזען פון דעם גאָלדענעם טראָן, וואָס אויף אים איז ווײַטער געזעסן דער אינקאַ. באַקומען דעם דאָזיקן שטול האָב איך באַשלאָסן פאַר יעטוועדן פרײַז. עפּעס אַ קישעפקראַפט האָט מיך געצויגן אין קרײַז פון זײַנע שטראַלן און איך האָב אומגעוואָרפן אַלץ וואָס האָט מיר פאַרשטעלט דעם וועג אַהינצו. דעם אינקאַס לײַבוועכטער האָבן זיך געוואָרפן מיר און די איבעריקע רײַטער אַנט-

קענען, אַראָפּגעשלעפּט אייניקע פון די זאָטלען אָדער אונטערגע־שטעלט די אייגענע ברוסט צו באַשיצן דעם געליבטן פירער. דער טראָן אויף די פּלייצעס פון די אַכט האָט זיך גע־שאָקלט ווי אַ שיפל אויף אַ שטורעמדיקן יאַם, דאַ פאָרויס, דאָ אויף צוריק, אויף וויפל דער מוירעדיקער אָנדראַנג האָט זיך פאַרשטאַרקט אָדער אָפּגעשוואַכט.

אַטאַהואַלפּאַ האָט אומבאַוועגלעך געקוקט מיט ווייטיק אויף דער בלוטיקער שכיטע, אײַנזעענדיק די אייגענע אָנמאַכט זי צו פאַרמײַדן. אין דעם מאָמענט זענען די וואָס האָבן געטראָגן דעם טראָן גלײַכצײַטיק געפאַלן, פאַר די איבעריקע איז די מאַסע גע־ווען איבער די קויכעס; פאַר אַ באַרג מייסים האָבן זיך בײַ זיי אונטערגעבראָכן די קני; דער אינקאַ וואָלט אַ פאַל געטון צו דער ערד, ווען פּיזאַראָ און נאָך אייניקע וואָלטן אים נישט אונ־טערגעכאַפּט אויף די הענט. איין סאָלדאַט וואָס אים אַראָפּגעריסן פון קאָפּ די קיניגלעכע באָרלאַ. פּעררעאַלטאַ און איך האָבן צו־געכאַפּט דעם טראָן, ער פון איין זײַט, איך פון דער אַנדער זײַט, און אין מעשעך פון צען שרעקלעכע סעקונדעס האָבן מיר ווי דאָמ־סאָנים געגלאָצט איינער אויפן אַנדערן מיט די בלוט פאַרלאָפּע־נע אויגן.

אַטאַהואַלפּאַן האָט מען ווי אַ געפאַנגענעם אָפּגעפירט אין אַ שכיינעסדיקן ביניען און צוועלף קריגער איז געגעבן געוואָרן אַ באַפעל אים צו היטן.

אַן אומהיימלעכע שטילקייט האָט זיך אַראָפּגעלאָזט אויפן פלאַץ און אויף די גאַסן. נאָר אין מיטן דער נאַכט האָבן פון ווײַטן, פון הינטער די בערג, געגומען קלינגען קלאָגנדיקע הימ־נען פון די פּערואַנער. וואָס האָבן פאַרלוירן זייער קיניג־גאָט, פונאַנדערוואַקסנדיק, אָנכאַפּנדיק בײַם האַרצן, אַלץ נאָגנדיקער, ביזן סאַמע באַגינען.

8

די סאָלדאַטן האָבן באַקומען אַ דערלויבעניש צו לאָזן זיך נאָך רויב און זיי האָבן געבראַכט פון דעם אינקאַס לאַגער אַ סאַך גאָלדענע און זילבערנע כפייצים און אַ סאַך געוועבן פון אַזאַ פײַ־נער אַרבעט און קינסטלערישן פאַרבן־צונויפשטעל, וואָס מיר האָבן ביז אַהער נאָך קיינמאָל נישט געזען.

דאָס גאַנצע אָנגערויבטע גוטס האָט מען אויפגעזאַמלט אין אַ ספּעציעלן הויז פאַר דעם ציל, קעדיי אין אַ באַשטימטער צייט, נאָכן אַראָפּגעבן אַ פינפטל פאַר דער קאַסטילישער קרוין, צו צע־טיילן. קריסטאָוואַל פעררעלטאַ און־איך האָבן אָבער דעם אינ־קאַס טראָן מיט דער הילף פון עטלעכע מאַן באַהאַלטן אין אַ פאַרבאָרגן אָרט. איינער פון זיי האָט אונדז פאַרראַטן פאַר פּעד־ראָ פּיזאַראָ, האָט אונדז דעריבער דער גענעראַל גערופן צו זיך און מיט אַ שטרענגער מינע באַפוילן דעם טראָן אָפּצוגעבן. דאָס איז באַלד געשען, וואָרעם מיר האָבן געציטערט פאַר זיינע דראָ־ונגען, קעדיי זיך צו רעכטפאַרטיקן האָב איך מיט די סאָלדאַטן איבערגעזוכט די הייזער פון דער שטאָט און צוגערויבט אַלץ וואָס האָט געהאַט אַ מינדסטן ווערט.

איינציקווייז און אין גרופעס האָבן זיך אונדזערע לייט געשלעפט איבערן לאַנד, אויסגערויבט די וווינונגען און זיי אונטערגעצונדן. זיי האָבן זיך אַריינגעריסן אין די טעמפּלען, דערהאַרגעט אָדער פאַרטריבן די קויהאַנים און אַוועקגעשלעפט בונטע געוואַנדן און שיינע קיילים וויפל זיי האָבן נאָר געקענט פאַרטראָגן. אָבער אַלץ איז פאַר זיי געווען ווייניק; זיי האָבן געוואָלט נאָך מער.

און אויך פאַר מיר איז גאָרנישט געווען גענוג; איך האָב געוואָלט נאָך מער.

איינמאָל אין אָוונט, בעשאַס אין שטאָט האָט זיך צוריקגע־קערט אַ גרופע נאָך אַ געלונגענער רויב־אונטערנעמונג, איז דער געפאַנגענער אינקאַ אַרויס פון די אינעווייניקסטע רוימען פון זיין הויז אין דעם זאַל פון די ווילן און געקוקט ווי די סאָלדאַטן האָבן אויסגעלאָדן זייער רויב, ווי עס זענען צוגעלאָפן אַנדערע, גענומען אין די הענט גאָלדענע און זילבערנע זאַכן, געוויזן זיי איינער דעם אַנדערן, זיי באַטאַפּט, געצערטלט און מיט זייער גאַנצער אויפפירונג אויסגעדריקט אַ פאַרשיקערטע אַנטציקונג. אַן אומגע־זעטיקטע גיריקייט און אַ זינלאָזע קינע, וואָס האָט געברויזט אין זיי.

דער אינקאַ האָט, ווייזט אויס, נישט געקענט זיך קלאָר מאַכן, וואָס דאָ קומט פאָר.

ווי ער שטייט אַזוי און טראַכט, האָט זיך צו אים דערנענ־טערט פעליפּיליאָ און מיט אַ שטילן טאָן פול מיט כניפע אַרויס־

געזאָגט עטלעכע ווערטער. ווי איך האָב זיך שפּעטער דערוווּסט פון דע סאָטאָן האָבן פעליפּיליאָס ווערטער באַטײַט: „זיי ווילן גאָלד. זיי גייען אויס נאָך גאָלד, שרײַען צוליב גאָלד, זענען גרייט אײנער דעם אַנדערן איבער גאָלד צו צערײַסן. פרעג זיך נאָך וועגן דעם פּרײַז פון דײַן פרײַהייט, און דו וועסט מיט גאָלד קענען זי קויפן. נישט פאַראַן קיין זאַך אויף דער וועלט, וואָס זיי זאָלן דיר פאַר גאָלד נישט געבן: זייערע פרויען, קינדער, זייערע נעשאָמעס, און אַפילע די נעשאָמעס פון זייערע פרײַנד וועלן זיי דיר אָפּגעבן".

אין יענעם מאָמענט האָב איך ערשט באַגריפן דעם זינען פון די דאָזיקע עמעסע און שרעקלעכע ווערטער. וואָס מיך האָט ביז די טיפענישן פון דער נעשאָמע אויפגעטרייסלט, איז געווען דער אויסדרוק פון שרעק און פאַרטראַכטקייט אויף אַטאַהואַלפּאַס פּאָנעם. נישטאָ קיין ספק, אַז אָנהייבנדיק פון דעם אויגנבליק האָט ער קעסיידער געטראַכט נאָר וועגן דעם, וואָרעם ער איז נישט געווען בעיכוילעס צו גלייבן, אַז פאַר אַזאַ נישטיקער זאַך ווי אין זײַנע אויגן האָט אויסגעזען דאָס גאָלד, קען מען באַקומען אַזאַ ווערטפולע זאַך ווי די פרײַהייט, אַז ביכלאַל קאָן מען אַ וואַסער נישט איז זאַך באַקומען פאַר גאָלד. פאַר גאָלד עפּעס האָבן: דאָס איז פאַר אים געווען נישט יענער באַגריף, וואָס ער איז פאַר אונדז. דער געדאַנק וועגן דער מעגלעכקייט צו קויפן עפּעס פאַר גאָלד האָט געמוזט דערשטוינען און אויפטרייסלען זײַן גאַנצע נעשאָמע. פאַרגלײַכנדיק אין יענע מאָמענטן מײַנע כאַ־ווײרים, פאַרשיקערטע פון גאָלד, פון איין זײַט, און דעם פאַרווונ־דערטן פּאָנעם פון שווײַגנדיקן אינקאַ, פון דער צווייטער זײַט, האָב איך צום ערשטן מאָל באַגריפן, ווי פרעמד מיר זענען אים געווען, אומבאַגרײַפלעך און שרעקלעך פרעמד, נישט ווי מענטשן פון עפּעס אַן אומבאַקאַנטן לאַנד פאַר אים, נאָר ווי וועזנס פון אַ לאַכלוטן אומדערקלערלעכער סטרוקטור.

9

שפּעטער זענען געקומען זײַנע דינער און דינערינס קיין קאַכאַמאַלקאַ, זײַנע הויפלײַט און זײַנע פרויען און געבעטן מיט אויסגעשטרעקטע הענט, מען זאָל זיי צולאָזן צו זייער האַר.

זיי האָבן געזאָגט, אַז זיי האָבן זייער לעבן פון געבורט אָן צוגעשווירן דעם אינקאַ און זײַענדיק פאַרשטויסן פון זײַן סוויווע, מוזן זיי לויטן געזעץ שטאַרבן.

דער גענעראַל האָט פון זיי אויסגעקליבן אומגעפער צוואַנציק, צווישן זיי דעם פרינץ קוראקאס, דעם אינקאַס האַלב־ברודער, וועלכן יענער האָט באַזונדערס ליב געהאַט. דאָס איז געווען אַ שיינער און שטילער באָכער, ענלעך צום אינקאַ לויט זײַן פּאָנעם און געשטאַלט. די איבעריקע האָט דער גענעראַל אָפּגעשיקט צוריק, און, ווי מיר האָבן שפּעטער געהערט, זענען זיי אַלע באַגאַנגען זעלבסטמאָרד.

עס זענען אָבער אויך געקומען טויזנטער איינוווינער פון דאָרף און שטאָט, וואָס האָבן באַגערט צו זען זייער האַר. מען האָט זיי אַרײַנגעלאָזט אין שטאָט ערשט נאָך דעם, ווי מען האָט זיך פאַרזיכערט, אַז זיי האָבן נישט קיין געווער. דאָס איז גאָרנישט נייטיק געווען. זיי זענען געווען אויסערגעוויינטלעך פאַרקלעמט. זיי האָבן נישט געקענט גלייבן און נישט באַגרײַפן, אַז דער זון פון דער זון זאָל זײַן אַ געפאַנגענער. פול מיט שמערצלעכער פאַרוואונדערונג האָבן זיי אונדז אָנגעקוקט, און ווען עמעצער פון אונדז האָט מיט זיי געפרווווט רעדן, האָבן זיי געציטערט אין אָבערגלויבערישער שרעק. אַן איבערנאַטירלעכע קראַפט האָט זיי עפּעס ווי צוריקגעהאַלטן פאַר די מויערן, וואָס האָבן אַרומגערינגלט דעם אינקאַ; אייניקע האָבן געוויינט, אייניקע האָבן בלויז געזיפצט שטיל, אייניקע זענען געלעגן אויף די קני, דעם קאָפּ צווישן די אָרעמס און בײַנאַכט האָב איך געזען זייערע אויגן לײַכטן אין דער פינצטערניש בעשאַס פון די בערג קענגיבער האָבן געשאַלט די יאָמערנדיקע געזאַנגען.

די גאַנצע מעלוכע איז געווען אײַנגעהילט אין טרויער און פאַרצווייפלונג.

10

פון זעקסטן טאָג אָן האָט דער גענעראַל איבערגעגעבן מיר די באַוואַכונג פון אינקאַ, און צום אויספירן דעם דאָזיקן וויכטיקן אַמט האָב איך געקריגן צו הילף פופצן געטרײַסטע סאָלדאַטן.

איצט האָב איך געקענט דעם געפאַנגענעם צו יעדער צייט און פון דער נאָענט באַטראַכטן. ער האָט מיר פון זיין זייט קיין שום אויפמערקזאַמקייט נישט געשענקט. נאָר פאַר אַן איינאו... איינציקן צווישן אונדז האָט ער אַרויסגעוויזן אביסל סימפּאַטיע, נעמלעך פאַר הערנאַנדאָ דע סאָטאָ, וועלכער האָט אויך צו אים שטענדיק געהאַט אַ צוטריט. דער גענעראַל האָט עס גערן געזען, ווייל ער האָט זיך געריכט אַזוי־אַרום צו דערגיין דעם אינקאַס פּלענער. דע סאָטאָ האָט זיך אָפּגעגעבן אַ סאַך מיט דעם אינקאַ און זיינע פּרוּוון אויסצולערנען אים אונדזער שפּראַך און זי מאַכן אים פאַרשטענדלעך האָבן געהאַט אַ פולע.

אַטאַהואַלפּאַ איז גאַנצע נעכט נישט געשלאָפן, הויערנדיק אויף זיינע געקרייצטע פיס אויף דעם שטיינערנעם דיל. ס'האָט אויסגעזען, ווי ער וואָלט געקאַרגט יעדן טריט און יעדע באַוועגונג פון זיין האַנט. פון די שפּיין, וואָס מ'האָט אים געבראַנגט, האָט ער זיך צוגערירט נאָר צו דעם, וואָס ער האָט דרינגלעך באַדאַרפט צו דערנערונג. זיינע פּרויען האָט ער קיינמאָל קיין בליק נישט געשענקט. נאָר מיט דעם פּרינץ קוראַקאַס פלעגט ער אַמאָל שטיל שמועסן.

דער גענעראַל האָט זיין קיניגלעכן געפאַנגענעם אַרויסגעוויזן אַ גרויס פאַרשטענדעניש און האָט זיך באַמיט צו פאַרטרייבן זיין אומעט וואָס האָט זיך טראָגן זיין געמאַכטער קאַלטבלוטיקייט געזען אין זיינע באַוועגונגען. ביי זיין אַריינקומען האָט זיך דער אינקאַ אויפגעשטעלט און אים אָנגעקוקט פרעגנדיק, וואַרטנדיק, גלייַכגילטיק קאַלט.

איינמאָל האָט געטראָפן, אַז פיזאַראָ האָט אים דורכן מויל פון איבערזעצער געבעטן, ער זאָל ביי זיך צוליב זיין אומגליק נישט אַראָפּפאַלן; אייגנטלעך האָט אים געטראָפן דער זעלבער גורל וואָס אַלע פירשטן, וואָס האָבן זיך די קריסטלעכע הערשער קעגנגעשטעלט, און פאַר דעם האָט זיי דער הימל געוואָלט באַשטראָפן; אָבער די שפּאַניער זענען אַ גרויסמוטיק פאָלק און גנעדיק צו די, וואָס וואַרפן זיך זיי אונטער מיט כאַראַקטע.

דאַן האָב איך באַמערקט, און דער גענעראַל האָט עס אויך באַמערקט, ווי דער אינקאַ האָט באַטראַכט דעם נאָלדענעם שנאָל פון זיין גוף און אויף זיינע ליפּן האָט זיך געלייגט דער מעשו-

נעדיקער שמייכל, ווען ווען ווען איך האָב שוין דערמאָנט פריִער. נאָך דעם האָט ער אויפגעהויבן זײַן לינקע האַנט און דער פּרינץ קוראקאס, וואָס איז לעבן אים געשטאַנען, האָט זיך אַראָפּגעלאָזט אויף די קני און באַרירט די קוים אויסגעשטרעקטע פינגער מיט ציטערנדיקע ליפּן.

11

קעדיי צו דערציילן אַלץ לויט אַ סיידער, מוז איך דער־מאָנען, ווי דער פּרינץ קוראקאס איז פון איינעם פון מײַנע סאָל־דאַטן געוואָרן אַנגעגריפן און וואָס ס'האָט זיך דערבײַ אָפּגעשפּילט.

ס'איז געווען אַ פרימאָרגן, ווען דער באָכער האָט געוואָלט פאַרלאָזן דעם זאַל פון די זײַלן קעדיי צו ברענגען פּרוכט דעם קיניג וואָס האָט דאָס פאַרלאַנגט. דער זעלנער פּעדראָ אַלקאַן וואָס איז געשטאַנען אויף דער וואַך, האָט אים נישט געוואָלט אַדורכלאָזן. און ווען קוראקאס האָט אים מיט זשעסטן געוואָלט געבן צו פאַרשטיין אין וואָס ס'האַנדלט זיך, האָט אים אַלקאַן אָנגעכאַפּט בײַם אקסל און אים צוריקגעשלײַדערט. אין גרויסן צאָרן האָט אים קוראַקאָס דערלאַנגט מיט דער פויסט אין פּאָנעם. דעמאָלט האָט פּעדראָ אַלקאַן אַרויסגעצויגן די שווערד און קו־ראַקאָס האָט זיך אַ דערשראָקענער געלאָזט אַנטלויפן. דער זעלנער האָט אים נאָכגעיאָגט מיט אַ דראָענדיקן געשריי, אַנטשלאָסן בלוטיק נויקעם צו זײַן די באַליידיקונג.

איך בין נאָר וואָס געהאַט אויפגעשטאַנען פון שלאָף און דערהערנדיק דעם ליאַרם האָב איך געאײַלט צום אינקאָס דירע. איך האָב געזען, ווי ער קוקט אין איין באַשטימטער ריכטונג און ווען איך האָב דאָרט אַהין געקוקט, האָב איך דערזען דעם פּרינץ לויפנדיק שנעל ווי אַ ווינט אַרײַן אין די אינעווייניקסטע כאַדאָרים. די צימערן, דורך וועלכער דער באַדראָטער איז געלאָפן, זענען געווען אַזוי פיל, אַז זײַן געשטאַלט האָט מען קוים געקענט דערזען. שטום, מיט אויסגעשטרעקטע הענט, איז ער געלאָפן ווי אַ הירש דורך דער לאַנגער ריי צימערן, דער סאָלדאַט אַ שווערבאַלאָדע־נער, מיט אַן אויסגעצויגענער שווערד נאָך אים. ענדלעך איז קו־ראַקאָס צוגעלאָפן צו זײַן הערשער, געפאַלן פאַר אים אויף די קני און האָט אַרומגעכאַפּט זײַנע פיס. פּעדראָ אַלקאַן האָט אים

מיט שוים אויף די ליפּן געוואָלט פּאַקן. איך האָב אים צוגעשריגן, ער זאָל זיך אָפּהאַלטן. ער האָט זיך מיט דעם נישט גערעכנט און מיך צאָרניק אָנגעקוקט. דעמאָלט האָט אַטאַהוּאַלפּאַ אַרויפגעלייגט זײַן לינקע האַנט אויף זײַן ברודערס קאָפּ, און מיט דער רעכטער אָפּגעשטויסן דעם סאָלדאַט. די באַוועגונג איז געווען אַזאַ קיניג־לעכע, אַז פּעדראָ אַלקאַן האָט זיך צעטומלט. אָבער נאָר אויף איין אויגנבליק. דערנאָך האָט ער מיט אַ ווילדער קלאָלע אַ פּאַך געטון מיט דער שווערד און דער שיינער באַכער וואָלט אומגעקומען. ווען צוויי שקלאַפינס וואָלטן זיך נישט געוואָרפן אויפצוכאַפּן דעם קלאַפּ. איינע פון זיי איז געטראָפן געוואָרן אין האַלדז און איז אָן אַ קלאַנג אַנידערגעפאַלן באַגאָסן מיט בלוט.

דאָ האָט אַלקאַן זיך צוריקגעכאַפּט. זײַן בליק האָט זיך גע־טראָפן מיט דעם אינקאַס און ער האָט פון אים מיט גרויזאַמער און דרייסטער אַקשאָנעס געפאָדערט דעם פּרינצנס לעבן. איך מוז דאָ באַמערקן, אַז אונדזערע לײַט זענען אין דער צײַט, צוליב דער אויסזיכט צו באַזיצן אַ סאַך אויצרעס, געווען אָפּט בונטאַריש גע־שטימט און אַז מיר, אָפּיצירן, האָבן געמוזט מיט אונדזער מאַכט זײַן זייער פּאָרזיכטיק, קעדיי זיי צו קענען האַלטן אין צוים.

האַלטנדיק די לינקע האַנט נאָך אַלץ איבערן קאָפּ פון זײַן ליבלינג, האָט אַטאַהוּאַלפּאַ מיט דער רעכטער אָפּגעקנעפּלט אַ גאָלדענע קליאַמרע פון זײַן קלייד און דערלאַנגט זי פּעדראָן. איך האָב באַמערקט, ווי זײַן באַוועגונג איז געווען אַביסל אומזיכער, אַביסל אומגלייביק, ווי ער וואָלט אַליין נישט געגלייבט זײַן אײַנ־פאַל און נישט געוואַגט צו האָפן אויף אַ דערפאָלג.

אַלקאַן האָט גענומען דאָס צירונג, געחויגן עס אויף דער האַנט און געצויגן מיט די אַקסלען. דער אינקאַ האָט אַראָפּגענומען פון לינקן אָרעם דעם דיקן גאָלדענעם רייף און גענעבן דעם זעלנער. יענער האָט אים ווידער געוויגן, צונויפגעפּרעסט די ליפּן און נישט אָנטשלאָסן געקוקט אָרום זיך. דעמאָלט האָט אַטאַהוּאַלפּאַ אַראָפּגעריסן מיט אַ זעלטענער בײַ אים האַסטיקייט די קייט פון שמאַראַגדן פון זײַן האַלדז און זי געוואָרפן אין דער כוצפּעדיק אויסגעשטרעקטער האַנט פון דעם זעלנער. איצט ערשט האָט אַלקאַן צופרידן אַ שאָקל געטון מיטן קאָפּ, באַהאַלטן די צירונג אין זײַן לעדערנעם רענצל, און אַרײַנגעטון די שווערד אין דער שייד.

אַטאַהואַלפּאַ האָט אים אָנגעקוקט ווי פאַרבלענדט, ווי אַ פאַנטאָם וואָלט געוואָרן אַווירקלעכקייט. וואָרעם אָקערשט האָט ער זיך איבערגעצייגט, אַז מען קען פון די פרעמדע לײַט פאַר געלט קויפן אַ לעבן. דאָס האָט אים אָבער אויסגעוויזן צו זײַן אַזוי מעשונעדיק, אַז ער איז נאָך לאַנג געשטאַנען אַ דערשטוינ-טער און אַפילו די רייד פון זײַן ליבלינג האָבן אים נישט גע-קענט אויפוועקן.

12

דעם זעלבן טאָג איז געקומען דער גענעראַל מיט עטלעכע רײַטער צו אַטאַהואַלפּאַ קעדיי זיך צו אַנטשולדיקן פאַר אים צו-ליב דעם פאָרפאַל פון אינדערפרי. ער האָט צוגעזאָגט אַ גערעכטע אויספאָרשונג און באַשטראָפן דעם זעלנער.

דעמאָלט האָט דער אינקאַ געזאָגט שטאַמלענדיק און צו פּעליפּיליאָ זיך ריכטנדיק, אַז ווען מען וואָלט אים געגעבן די פרײַ, פאַרפליכטעט ער זיך דעם גאַנצן דיל פון דעם זאַל אין וועלכן מיר געפינען זיך, מיט גאָלד צו באַדעקן.

דער גענעראַל און מיר אַלע האָבן דאָס אויסגעהערט שווײַגנדיק, און ווען אַטאַהואַלפּאַ האָט נישט געקריגן קיין ענט-פער, האָט מיט באַטאָנונג צוגעגעבן, אַז נישט נאָר דעם דיל, נאָר אַפילו דעם גאַנצן זאַל וועט ער אַזוי הויך מיט גאָלד אָנפילן, וויפל ער וועט דערלאַנגען מיט זײַן האַנט.

מיר האָבן אים אָנגעקוקט דערשטוינטע, מאַכמעס מיר האָבן עס געהאַלטן פאַר פּוסטע באַרימערײַ פון אַ מענטשן, וואָס וויל פאַר יעדן פּרײַז זײַן פרײַ, און מיר האָבן נישט ערנסט גענומען זײַנע צוזאָגן. דער גענעראַל האָט אונדז מיט אַ ווונק אָפּגערופן אין אַ זײַט אויסצוהערן אונדזערע מײַנונגען. זײַן ברו-דער הערנאַנדאָ און דער סעקרעטאַר קסערעס האָבן געוואָלט דעם פאָרשלאַג אָפּוואַרפן, דע סאָטאָ און איך זענען גע-ווען פאַר אָננעמען. פּיזאַראָ אַליין איז געווען נישט אַנטשלאָסן. ער האָט געהאַט די העכסטע פאָרשטעלונג וועגן די אוצרות פון דעם לאַנד און דער איקער דער הויפּטשטאָט קוזקאָ, וווּ די דעכער פון די טעמפּלען זענען לויט זיכערע ידיעות געדעקט מיט גאָלד, די ווענט מיט גאָלד אויסטאַפּעטירט און אַפילו די

ציגל זענען געמאַכט פון גאָלד. דאָס מוז דאָך האָבן אַ געווויסן יעסאָד, האָט ער געטראַכט; ס׳איז דעריבער קעדײַ אײַנצוגיין אויפן אינקאַס פאָרשלאַג, וואָרעם אַזוי אַרום קען ער מיט איין קלאַפּ דאָס גאַנצע גאָלד אַרײַנקריגן אין זײַנע הענט און נישט דערלאָזן, אַז די פּערואַנער זאָלן עס באַהאַלטן אָדער אַרויספירן.

ער האָט דעריבער געזאָגט אַטאַהואַלפּאַן, אַז ער וועט אים באַפרײַען, ווען ער וועט ווירקלעך קענען אַזויפיל גאָלד דערפאַר באַצאָלן, ווי ער האָט פאָרגעלייגט. ער האָט פאַרלאַנגט אַ שטיק רויטע קרײַד, מען האָט עס אים געבּרענגט, און ער האָט אַדורכגעצויגן אין דער הייך, וואָס דער אינקאַ האָט באַצייכנט, אַ שטריך איבער די פיר ווענט. דער זאַל האָט געהאַט זיבן און דרײַסיק פוס די ברייט און צוויי און צוואָנציק פוס די לענג און די רויטע ליניע אויף דער וואַנט איז געווען אויף אַ הייך פון נײַן מיט אַ האַלבן פוס איבער דעם דיל.

דער דאָזיקער זאַל האָט געזאָלט מיט גאָלד אָנגעפילט ווערן. דער אינקאַ האָט געפּאָדערט אויף דעם צוויי כאַדאָשים. די באַדינגונגען זענען געוואָרן פאַרשריבן דורכן סעקרעטאַר קסערקסעס און דער דאָקומענט איז געוואָרן מיט אַ כסימע פאַרזיגלט.

מיר זענען געווען אַזוי אויפגערעגט פון די אונטערהאַנדלונגען אין דעם געשלאָסענעם אָפּמאַך, אַז אונדזערע שטימען האָבן געציטערט און די פּנעמער האָבן געגליט ווי אין פײַער, ווען מיר האָבן גערעדט וועגן דעם. מיר האָבן געהאַט ספּייקעס; די ספּייקעס זענען געווען געמישט מיט בענקשאַפט און אומקלאָרער האָפענונג. גלײַך האָט זיך די יעדיִע פאַרשפּרייט אין לאַגער. די זעלנער זענען געוואָרן מאַמעש מעשוגע פון פרייד. זיי האָבן זיך אינגאַנצן אָפּגעגעבן מיט די פאַנטאַסטישסטע טרוימען וועגן דער צוקונפט און קיין כײשעק נישט געהאַט צו קיין שום שלאָף, שפּיל און צײַטפאַרטרײַב.

און איך אַליין האָב זיך אויך נישט אַנדערש געפילט.

13

ווי נאָר דער אָפּמאַך איז געשלאָסן געוואָרן, האָט דער אינקאַ צעשיקט שלִיכים אין אַלע שטעט פון זײַן מעלוכע מיט דעם באַפעל

אַז מען זאָל אַלע גאָלדענע מאַכשירים און קיילים פון די קיניג-לעכע פּאַלאַצן, טעמפּלען, גערטנער און עפנטלעכע געביידעס אַרויסנעמען און נישט זוימנדיק ברענגען קיין קאַכאַמאַלקאַ.

די שטעט זענען געלעגן גאַנץ ווייט פון זיך, האַגאַם די שאַרפזיניק איינגעשטעלטע לויפערדינסט האָט די דערווייטערונג געמאַכט חייניקער פּילבאַר ווי אין אונדזערע לענדער. אין אַנ-הייב זענען די טראַנספּאָרטן געקומען זעלטן. נאָך איין וואָך אָבער זענען מיט יעדן טאָג געקומען אַלץ באַדייטנדיקערע מאַסן און זענען געוואָרן אַנידערגעלייגט אין דער שאַצקאַמער, וועלכע איך האָב שטרענג געהיטן.

יעדן אָוונט האָט דער אינקאַ געשטעלט זיך אויפן שוועל פון דעם צימער אין וועלכן ס׳איז געלעגן דאָס אָנגעטראָגענע גאָלד פון אַלע פּראָווינצן פון זיין מעדינע, מיט אַ רויקן בליק האָט ער אָפּגעמאָסטן די נאָך ליידיקע וואַנטפלאַכן און אין זיך גערעכנט, ווי ווייט ס׳איז נאָך ביז דער רויטער ליניע אויבן, וואָס איז גע-ווען די ליניע פון זיין גוירל. און האַגאַם עס איז יעדן טאָג אָנ-געקומען אַ סאַך גלאַנציקער מעטאַל, האָט זיך אָבער געדאַכט, אַז עס פאַרמערט זיך זייער פּאַמעלעך.

ווען ער האָט דאָס אויג אויפגעהויבן פון ראַנד פון דער גאָלדענער מאַסע צום אַכזערדיקן שטריך, האָט עס אויסגעזען, ווי ער וואָלט דעם ליידיקן אָפּשטאַנד צעטיילט אויף דער צאָל טעג וואָס טיילן אים אָפּ פון דער פרייהייט. און אַרום אים זענען גע-שטאַנען שווייגנדיק און טרויעריק זיינע דינער אין דינערינס און אַראָפּגעלייגט פון זיינע געליבטע פּאָנעם-שטריכן דאָס, פאַר וואָס זיי האָבן אין זיך קיין ווערטער נישט געפונען. וואָרעם פאַר אַ סאַך זאַכן, וואָס מיר די אַנדערש באַשאַפענע האָבן אָן מי געקענט באַצייכענען אָן ווערטער און וואָס האָט אין טאָך קיין אינהאַלט נישט געהאַט, האָבן זיי אין זיך קיין ווערטער נישט געפונען.

ס׳וועט מיר אָנקומען שווער צו געבן אַ באַגריף פון מיינע געפילן און נאָך שווערער אַפילע בלויז אָנצודייטן וואָס ס׳האָט לויט מיר געפילט אַטאַהואַלפּאַ, וועמעס פערזאָן און וועזן האָט פון שאָ צו שאָ און פון טאָג צו טאָג אַלץ שטאַרקער מיר פאַר-שאַפט זאָרגן. איך ווייס נישט וואָס דאָס איז געווען, איך קען די סיבע נישט זאָגן: אָפּט האָט זיך מיר געדאַכט, אַז איך וואָלט גע-

מוזט אין אים אַרײַנקריכן קעדיי זײַן הארץ און זײַנע געדאַנקען צו דערגיין; זײַן מעשונעדיקע מענטשלעכקייט האָט מיך אָנגע־פילט מיט אָפּשײַ — דאָס איז געווען עפּעס אויסטערליש אומשול־דיקס, אויסטערליש סוידעסדיקס, אַזוי צאַרט, אַז ס׳האָט ווי געטון זיך צוצורירן צו דעם. און איך האָב מײַן אויג און געדאַנק נישט געקענט דערפון אָפּרײַסן.

איך האָב געזען, אַז אים אינטערעסירט נישט בלויז די פראַגע וועגן אָנוווקס פון גאָלד. אַ גאַנץ אַנדערע זאַך האָט אים געפּײַניקט: אונדזער אָנוועזנהייט, אונדזער זײַן און טון. אין דעם האָב איך זיך קעסיידער אַלץ מער איבערצײַגט. אָנגעהויבן האָט זיך עס מיט נײַגער: די שפּראַך, דער קלאַנג פון די שטימעס, טרים און האַוואַיעס, צאָרן און לאַכן, קליידונג און פירונג,—דאָס אַלץ איז פאַר אים געווען אַזוי אַנדערש, אַז דעם אָטעם האָט עס אים פאַרהאַלטן; דאָס איז געווען פאַר אים אַזוי שווער צו פאַרשטיין ווי די וועלט הינטער דער זון, עקלדיק און אומהיימ־לעך און אַזוי, אַז ער האָט איינס פון אַנדערן נישט געקענט אָפּטיילן. האָט ער געקוקט אין אונדזערע פּנעמער, וואָס האָבן אויסגעזען ווי געגאַרבטע לעדער, האָט אים געטראָפן אַ בליק פון דעם אָדער יענעם, אַ בליק וואָס ווייסט גישט פון שעמעוו־דיקייט און פאַרשוווײַגן, האָט ער זיך דערשראָקן ווי בײַ דער באַרירונג פון אַן אומריינער זאַך.

פון זינט אָבער דאָס גאָלד איז געלעגן און מיר אַלע — פון פירער ביזן לעצטן זעלנער—האָבן באַוואַכט זײַן אָנהויבונג, האָט אים אַרומגענומען אַ שרעק און גרויל פאַר אונדז און אָפּט אין אַזאַ מאָס, אַז ער האָט די אויגן פאַרמאַכט, דערזעענ־דיק איינעם פון אונדז. דאָס איז די וואָרהייט. דאָס בין איך דערגאַנגען.

אַ סאַך פון אונדזערע לײַט האָבן שטענדיק באַלאַגערט דאָס פענצטער וואָס איז געווען מיט קראַטעס פאַרשטעלט, און האָבן מיט גיריקע בליקן געגלאָצט אין זאַל אַרײַן. ווי האָבן גע־שמעקט דאָס גאָלד, ווי האָבן געפילט זײַן טאַם. איז איינער צו־געקומען נאָענט פון דער געביידע, האָט ער געקוקט אויף דעם געלגלאַנציקן אויצער און זײַן פּאָנעם האָט אָנגענומען אַ שרעקלעכן

אויסדרוק צווישן צערטלעכקייט און הונגער; זײַן האַנט האָט געמאַכט אַ באַוועגונג פון אָנכאַפּן און זײַן אויג האָט געשיקלט אין אַ זײַט, ווי ער וואָלט זיך געשראָקן, אַז עמעץ אַנדערש קען אים אויסכאַפּן· די שרעק, אַז אַן אַנדערער זאָל נישט אויסכאַפּן, האָט געשטעקט אין יעדן פון אונדז; זי איז געווען אויך אין מיר·

איך האָב נישט זעלטן באַמערקט, אַז בײַנאַכט, ווען זײַנע געטרײַע זענען געשלאָפן, איז אַטאַהואַלפּאַ געזעסן און געהאָרכט, וואָרעם אַרום איז שטענדיק געווען אַ שושקעניש און שלעפּעניש· אַ מורמלען און שיפּען, און ווען די לעוואָנע האָט צופעליק אויפגעשײַנט און איר שטראַל האָט דאָס גאָלד באַלויכטן, האָט מען געזען די גליִענדיקע אויפגעריסענע אויגן, וואָס זענען געווען ענלעך צו כאַיעס, וואָס קריכן אויף פאַרבאָרגענע וועגן צום אָרט פון טרינקען מאַכמעס שרעק פאַר אַנדערע כאַיעס, וואָס זענען שטאַרקער פון זיי·

אַ גאַנץ אַלטער סאָלדאַט, כאָזע מאַריאַ לאָפּעץ, אַ ווײַסבערדיקער מיט צאָלרײַכע העפטן אין פּאָנעם, האָט איינמאָל גענומען אין האַנט אַרײַן אַ גאָלדענעם ציגל און אַ צעטומלטע שטוינונג, אַ האַלבווילדע פרייד האָט זײַן פּאָנעם פאַרקרימט און געמאַכט בלאַס· ס׳איז געווען אין דער אָוונט-דערמערונג· ער איז געקומען צו גיין באָרוועסערהייט· איינער פון די כאַוויירים האָט אים בייזוויליק אָפּסערווירט· ער איז אים שטילערהייט נאָכגעגאַנגען און האָט מיט אַ האַלבן געשריי זיך געוואָרפן אויף אים און מיט ביידע הענט זיך אײַנגעקלאַמערט אין זײַן האַלדז, אַזוי אַז לאָפּעץ איז כאָרכלענדיק אַנידערגעפאַלן·

איז אַטאַהואַלפּאַ דערגאַנגען, אַז דאָס גאָלד האָט אויף אונדז אַלע געהאַט אַן ערגערע ווירקונג ווי אויף זײַן פאָלק דער באַרוישנדיקער געטראַנק טשוטשאַ, וואָס טרינקען אים איז דערלויבט געווען נאָר אין געוויסע יאָנטויווים. אָבער ער האָט זיך געמוזט זאָגן: געלן מעטאַל קענען זיי נישט טרינקען; נאָר דורך די אויגן זאַפּן זיי אײַן אין זיך זײַן פאַרב און גלאַנץ; וואָס האָבן זיי דערפון? וואָס גיט עס זיי? זיי פּוצן זיך נישט אויס דערמיט; זייער לײַבער זענען נישט באַצירט מיט אים; וואָס פאַר אַ נוצן האָבן זיי פון דעם באַזיצן גאָלד?

ער האָט זיכער אַזוי געטראַכט, ער האָט אויך הערנאַנ·
דאָ דע סאָטאָ געמאַכט ווונדערלעכע באַמערקונגען. ער האָט אומ·
געפּער געזאָגט, אַז מיר פֿאַרמאָגן נישט קיין טיפֿע געהאָרכזאַמ·
קייט׳ קיין פֿאָלגעוודיקייט אין בלוט וואָס זאָל זען אין פֿי·
רער דעם הימליש אויסדערלייזטן, דעם מענטשנזון. ווען מיר
גיבן זיך אונטער דעם האַר׳ טוען מיר עס מיט שטילער אַק·
שאָנעס און פֿאַרבאָרגענער סינע, ווי מיר וואָלטן געהאַט גלײַכע
רעכט מיט אים אויף אַלע גיטער פֿון דער וועלט, און בלויז
נישט געוואַגט זיך אים קעגנצושטעלן, ווײַל ער ווייסט עפּשער
אַנדערע וועגן אָדער קישוף־פֿאָרמלען, וואָס זענען אונדז
נישט באַקאַנט. פֿאַרוואָס, פֿרעגט ער מיט פֿאַרווונדערונג, לאָזן
זיי אַראָפּ אין פֿאַלשקייט פֿאַר אים די אויגן און עפֿענען זיי
אָן בושע און פֿאַרפֿאָלגן אים מיט זייערע בליקן, ווי נאָר ער
האָט זיך פֿון זיי אָפּגעקערט ?

הערנאַנדאָ דע סאָטאָ האָט דערויף קיין ענטפֿער נישט
געפֿונען און ער האָט מיר מודע געווען, אַז ער איז פֿאַר דעם
אינקאַ געשטאַנען ווי אַ נאַרישער שילער. און פֿאַר מיר איז זײַן
אינערלעך לעבן געוואָרן מיט יעדן טאָג מער ווי אַ כאַלעם.
מיט זײַנע אויגן האָב איך געזען די וואַקסנדיקע אומגעדולד פֿון
מײַנע כאַווירים, מיט זײַנע אויגן־די מינעס פֿול מיט האַס און
זאָרג. איך האָב פֿאַרשטאַנען, אַז ער האָט אַפֿילע אין ערגסטן
כאָלעם נישט פֿאָ־געשטעלט זיך, אַז אויף דער וועלט עקזיסטירן
אַזעלכע באַשעפֿענישן ווי מיר׳ און ווען ער האָט דאָס דער·
וווסט זיך און די באַשעפֿענישן דערקענט, איז אַ טיפֿע מאָרע,
שכירע אים באַפֿאַלן און זײַן האַרץ און זײַן האַנט איז גע·
ליימט־געוואָרן און געלאָזט געשען דאָס וואָס איז אונדז אויס·
געקומען אַזוי סוידעספֿול ; אַז ער האָט זיך אונטערגעגעבן
זײַן גוירל אָן ווידערשטאַנד און קיין שום געהיימען באַפֿעל
וועגן דעם צו זײַנע אונטערטאַנען נישט געשיקט ; אַז הונדער·
טער טויזנטער פֿון זײַנע באַוואָפֿנטע קריגער האָבן אומזיסט
געוואַרט — אַן אַרמיי פֿון ליבנדיקע, פֿאַר וועלכע דער קיניג איז
דער סאָך און ציל פֿון לעבן און וואָס האָבן נאָר איין ווונק
פֿון זײַן אויג געדאַרפֿט און די דרײַ הונדערט אַרײַנדרינגער
וואָלטן די באַליידיקטע ערד מיט בלוט אָנגעטרונקען.

דאָס גישט־טון איז אַרויסגעגאַנגען פון אַטאַהואַלפּאַן, פון זײַן טיפן דערקענען דעם גײַסט פון פינצטערניש, וואָס האָט איבערגענומען די מעמשאָלע און קענען וועלכן ס׳האָט קיין זי־נען נישט צו קעמפן. איך ווייס גוט וואָס איך זאָג דאָ און איך נעם עס אויף מיר און וועל שטרײַטן קעגן יעדן, וועלכער וועט מיך אָלס אַ קריסט אויפפאָדערן פאַר אַזעלכע רייד צו פאַראַנטוואָרטלעכקייט. דאָס לאַנד איז געווען קראַנק; די נע־שאָמעס פון זײַנע באַווינער זענען געווען קראַנק; עקל און שרעק האָט זיי באַנומען; עקל און שרעק האָט געאָטעמט פון זייער לעבנסצענטער אַרויס, פון אַטאַהואַלפּאַן, וואָס איז געווען זייער אידעאַל און וועלכער האָט געמוזט צוזען ווי די פרעמדע רויבן אויס די טעמפּלען, פאַרוויסטן די גערטנער, צעטרעטן די פעל־דער, זײַן יערושעדיק הייליק אייגנטום פון מיט איבער טויזנט יאָרן צוריק. ער האָט גאָרנישט געקאָנט טון קעגן דעם; די וועלט איז געוואָרן אומריין, און זײַן דערפאַרונג האָט זיך איבערגע־געבן דעם פאָלק און זיך אומגעקערט ווי אַן עכאָ צו אים צוריק אין די נאָרמאַלע געזאַנגען, אין וועלכע ס׳איז געווען די נאָגנדיקס־טע טרייסטלאָזיקייט און דער פאַרגעפיל פון אונטערגאַנג.

14

מען האָט געבערענגט דעם אינקאַ אַ קײַלעכיקן אָפּאַל, וואָס האָט געהערט צו הואַקאָ, זײַן געליבטער שוועסטער און פרוי, וועלכע האָט געלעבט אויף אַן אינדזל אין דער אָזיערע טיטי־קאַקאַ. זי האָט אים דורך דעם איבערברענגער געלאָזט מעלדן, אַז זי איז גרייט צום טויט און אַז זי וועט שטאַרבן, ווי נאָר ער וועט איר דאָס באַפוילן.

ער האָט שווײַגנדיק אָנגעקוקט דעם הערלעכן שטיין און זײַנע דינער און פרויען האָבן די בליקן פון אים אָפּגעקערט.

מען האָט אים אויך געבערענגט די פאַרהיימישטע פּומע, וואָס איז שטענדיק געלעגן בײַ זײַנע פיס אין גאָרטן פון קי־ניגלעכן שלאָס. די כאַיע איז געווען טרויעריק, האָט נישט גע־וואָלט עסן, און איז אויסגעגאַנגען אויף דעם דריטן טאָג.

דעם זעלבן אָוונט איז דער פּרינץ קוראַקאַס געפונען געוואָרן מיט אַ מעסער אין דער ברוסט אין איינעם פון די זאַלן. קיינער

פון אונדז האָט נישט געצווייפלט, אַז דאָס האָט פּצדראָ אַלקאָן וואָס איז פאַרביטערט געווען צוליב דער שטראָף, וועלכע דער גענעראַל האָט אויף אים אַרויפגעלייגט, באַפרידיקט זײַן נעקאַמע-געפיל טראָץ דעם הויכן אויסלייזגעלט וואָס ער האָט פון אינקאַ דערהאַלטן. דער מערדער איז אָבער פאָרט פאַרבליבן נישט פאַרראַטן און נישט אַנטדעקט.

אַטאַהואַלפּאַ האָט אָנגעקוקט דעם טויטן גוף ווי פריִער דעם אָפּאַל. זײַן ווייטיק האָט זיך אויסגעדריקט אין אַ שמייכל.

אויף דעם פּליין איז געשטאַנען קאַלקוטשומאַ, דעם אינקאַס עלטסטער אַרמיי-פירער, מיט דרײַסיק טויזנט מאַן. דאָס געפאַנגען-נעמען פון זײַן האַר אויף אַזאַ פלוצלונגדיקן און ברוטאַלן שטייגער דורך אַ מין באַשעפעניש, וואָס זענען פאַר אים ווי פון די וואָלקן אַראָפּגעפאַלן, האָט דעם זאָקן אינגאַנצן צעטומלט. דער גענעראַל האָט אים פאָרגעלייגט אַ באַגעגעניש און אים אויפגעפאָדערט צו קומען קיין קאַכאַמאַלקאַ. ער האָט עס אָפּגעוואָרפן. דעמאָלט האָט פּיזאַראָ אויסגעפועלט דעם אינקאַס באַפעל און גלײַך איז טאַקע קאַלקוטשומאַ געקומען. מיט אַ גרויסער מאַכנע איז ער דערשינען אין דער שטאָט. זײַנע וואַסאַלן האָבן אים געטראָגן זיין אַן אָפענער לעקטיקע און די אײַנוווינער האָבן אים אַרויסגעוויזן גרויס אָפּשײַ, ווי ס'פּאַסט פאַר דעם קיניגס ערשטן דינער. ער אַליין אָבער האָט זיך צו אוטאַהואַלפּאַן דערגענטערט באָרוועס ווי דער קלענסטער דינער און מיט אַ שטיין אויפן רוקן – סימבאָל פון אומבאַדינגטער פאָלגעוודיקייט. ער האָט אַנידערגעקניט, געקושט דעם קיניגס הענט און פיס און זיי אויסגעבאָדן אין זײַנע טרערן.

איך בין געווען איידעס פון דער באַגעגעניש, און איך מוז מודע זײַן, אַז זי האָט מיך דערשיטערט. אויף אַטאַוהאַלפּאַן האָב איך עס נישט געקענט באַמערקן, אויך נישט קיין צייכן פון פרייד. ער האָט זײַן טײַערן ראַטגעבער איינפאַך באַגריסט; געגעבן אים אָן אַ וואָרט דעם שיינעם אָפּאַל וואָס זײַן שוועסטער-פרוי האָט אים געשיקט. דאָס האָט באַטײַט אַ טויטבאַפעל פאַר הואָקאָ און דער גרײַז קאַלקוטשומאַ האָט יאָמערנדיק און וואַקלענדיק זיך פאַרלאָזט דעם זאַל, געשטיצט אויף זײַנע דינער.

15

אין דער צײַט האָט פּאַסירט, אַז פּעליפּיליאַ, וואָס איז אין זײַן פּאַרזעטעכטישער קאַריערע אַלץ ווײַטער און ווײַטער געטריבן געוואָרן אויפן וועג פון פאַרראַט, האָט געוואָלט נעמען איינע פון אינקאַס יונגע פרויען. וועגן אַזוינס האָט ער קיינ־מאָל אין כאָלעם אַפילע נישט געוואָגט צו טראַכטן; דאָס איז געווען דער גרעסטער פאַרברעכן וואָס אַ פּערואַנער האָט געקענט באַגיין. אַטאַהואַלפּאַ האָט געזאָגט דעם גענעראַל, אַז אַזאַ באַ־ליידיקונג פון אַזאַ נידעריקן מענטשן איז אים שווערער צו פאַרטראָגן ווי זײַן געפאַנגענשאַפט. זאָגנדיק דאָס, איז ער גע־ווען אינגאַנצן בלייך.

דעמאָלט איז פּעליפּיליאָס האָס צום אמאָליקן מעכטיקן הערשער געוואַקסן אָן אַ גרענעץ און ער האָט באַשלאָסן אים אינגאַנצן צו פאַרטיליקן. ער האָט פאַרן גענעראַל באַשולדיקט דעם אינקאַ, אַז ער האָט זיך מיט קאַלקוטשומאַן שטילערהייט אָפּגערעדט, אָנצופאַלן אויף די שפּאַניער און אויסצוראָטן זיי ביזן לעצטן מאַן. די דאָזיקע געמיינקייט האָט ער מיט די שטאַרקסטע שוועס אונטערגעשטיצט.

פּיזאַראָ האָט מער געוואָלט גלייבן ווי געגלייבט אין דער מײַסע, ער האָט דעריבער די באַשולדיקונג אָנגענומען. ער האָט דאָ דערזען אַ וועג ווי אַזוי זיך אַרויסצודרייען פון זײַן צוזאָג וואָס ער האָט געגעבן דעם קיניג צו באַפרײַען אים און ער איז געווען גרייט דעם אָפּמאַך צו ברעכן אויף וואָס פאַר אַן אויפן ס׳זאָל נישט זײַן, מיט קראַפט אָדער מיט שווינדל.

16

ווען דאָס געליווערטע גאָלד האָט שוין דערגרייכט ביז קימאַט דרײַ האַנטפלאַכן פון רויטן שטריך, האָבן זיך אונדזערע שוין מער נישט געקענט אײַנהאַלטן און זענען צוגעשטאַנען צום גענעראַל, ער זאָל עס צעטיילן. דער גענעראַל האָט זיך נישט קעגנגעשטעלט, מאַכמעס דאָס האָט אים זײַנע פינצטערע פּלענער דערלײַכטערט.

קעדיי צו קענען גערעכט און גלײַך צעטיילן דעם אויצער,

האָט מען באַשלאָסן דאָס גאָלד צו צעשמעלצן און פאַרוואַנדלען אין שטיקער, ווײַל דער רויב איז באַשטאַנען פון פאַרשידנאַרטיקסטע קעגנשטאַנדן וואָס זענען געווען פון פאַרשידענע גראַד און ריינקייט.

גלײַך אויף דעם צווייטן טאָג האָט מען אויסגעליידיקט די שאַצקאַמער און אים זאָרגעוודיק באַוואַכט. דער גענעראַל האָט אײַנגעלאַדן אַרטיקע גאָלדשמידן און זיי באַפוילן די אַלע וווּנדערלעכע קיילים, שיסלען, בעכערס, וואַסערקאַנען, טישגעשיר, קרעדענץ־טעלערס, וואַזעס, לײַכטערס, טעמפּל־קיילים, ציגל־רויכערפאַנען, געצנבילדער, אָרעמבענדער, פּאָנעם־מאַסקעס, אַלערליי וואַנט־באַפּוצונגען, קייטן, רעליגיעזע סימבאָלן איבערגיסן אין אַ רויען צושטאַנד.

די מאַסע צום צעשמעלצן איז געווען אַזוי גרויס, אַז נאָך אַ כוידעש איז מען נאָך אַלץ נישט פאַרטיק געוואָרן.

דערווײַל איז פון סאַן מיגועלע בײַם יאַם געקומען דאָן אַלמאַגראָ, דעם גענעראַלס לאַנגיאָריקער פרײַנד און כאַווער, מיט זײַנע מענטשן. זיי האָבן פאַרלאַנגט, אַז מיר זאָלן דעם אויצער טיילן מיט זיי און געפאָדערט האָבן זיי אויף אַזאַ געוואַלטיקן אויפן, ווי מיר וואָלטן געווען זייערע שקלאַפן. עס האָבן זיך אָנגעהויבן קריגערײַען. די גאַסן, די הייף, די וווינונגען און געצעלטן זענען געווען פול מיט געשרייען, וואָפן־קלימפערײַ, און קינגע און גיריקייט האָבן פאַרסאַמט די געמיטער ביז אין בײַנאַכטיקן שלאָף אַרײַן.

אָונטצײַט איז אַטאַהוּאַלפּאַ אַרויס פון זײַן געפענגעניש־זאַל און מיט פאַרנעפּלטע אויגן געקוקט אויף דעם פּלאַץ. איך בין געשטאַנען אויף אַ טרעפּ נאָענט לעבן אים. ער האָט געטראָגן אַ מאַנטל פון פלעדערמויז־הויט, וואָס איז געווען גלאַטיק און ווייך ווי זײַד און אַרום קאָפּ דאָס ללאַוטו, אַ שאַל פון פיינסטן געוועב און בונטע גלאַנציקע פאַרבן.

אין דעם מאָמענט האָבן צוויי זעלנער, איינער פון אונדז און איינער פון אַלמאַגראָס לײַט, זיך שטאַרק צעקריגט צוליב אַ גאָלדענער טשערעפּאַכע, וועלכע יעדער פון זיי האָט געוואָלט פאַר זיך און נישט לאָזן צו צעשמעלצן. באַלד זענען זיי ביידע געשטאַנען קעגנאַנאַנד מיט הוילע שווערדן. עטלעכע קלעפּ, אַן אויס-

געשריי, און דער פון אונדזער מאַכנע איז געפאַלן אויף דער ערד מיט דער טשערעפּאַכע אין דער פויסט און געוואָרט זיך, אין גסיסע קימאַט, קעגן די רויבגיריקע הענט פון צווייטן, וואָס האָבן זיך נאָך דעם אויסגעשטרעקט. יענעם האָב איך אָפּגעריסן.

ווי מיט קישעף האָט עס דעם אינקאַ מיטגעריסן. די וואַכן האָבן אים אַרומגערינגלט מיט כשאַד, אָבער ער האָט זיך געמאַכט נישט ווּיסנדיק. בעשאַס ער האָט דעם באַרמינאַן אָנגעקוקט, האָט זיך זײַן בליק פאַרטונקלט און ער האָט געקריגן אַן אויסדרוק, ווי ער וואָלט געוואָלט, די ברוסט פון טויטן זאָל זײַן פון גלאָז, קעדיי ער זאָל קענען אַרײַנקוקן, קעדיי ער זאָל קענען אויספאָרשן, פון וועלכן שטאָף די אומבאַגרײַפלעך פרעמדע נעשאָמע איז געמאַכט. איך האָב באַמערקט, אַז דער גרויל האָט אים שיר נישט דער-שטיקט. ער האָט אָפּגעקערט די אויגן צו זײַנע עטלעכע דינער, און מיט אַ שטילער געבראָכענער שטים געזאָגט: „זעט נאָר, די גאָלדענע טשערעפּאַכע טרינקט בלוט".

אַזויפיל האָב איך שוין געקענט פון זײַן שפּראַך, אַז איך זאָל די קינדיש־שווידערלעכע ווערטער פאַרשטיין.

17

ענדלעך איז געקומען דער טאָג, ווען ער האָט געפאָדערט פון גענעראַל זײַן באַפרײַונג. וואָרעם ער האָט די געשטעלטע באַדינגונגען דערפילט. יאָ, ער האָט געפאָדערט די פרײַהייט, האָ-גאָם ער האָט צוגלײַך געפילט, אַז מען וועט זי אים נישט געבן, האַגאַם ער האָט געאַנט אַ נאָך שוואַרצערע שרעק.

הערנאַנדאָ דע סאָטאָ, וועלכער האָט אַלץ מער געוווּנען דעם געפאַנגענעמס צוטרוי און אים אַ סאַך קליינע טויווס גע-טון, איז געווען זײַן פירשפּרעכער בײַם גענעראַל. פיזאַראָ האָט אים אויסגעהערט, אָבער אָפּגעזאָגט צו געבן אַ קלאָרן ענטפער נאָך עטלעכע שאָ האָט ער דורך דעם שאַצמײַסטער ריקעלמע געמאָלדן אים, אַז דאָס אויסלייזגעלט איז נאָך נישט אינגאַנצן באַצאָלט. דער צימער איז נאָך ביזן־רויטן שטריך נישט אויסגע-פולט.

אטאַהואַלפּאַ איז דערשטוינט געוואָרן און האָט אײַנגע

וועגדס, אַז ס'איז טאַקע ריכטיק. ס'איז אָבער נישט זײַן שולד, וואָס די פּולע מאָס איז נישט דערגרייכט געוואָרן; וואָלט מען נאָר געוואַרט נאָך דרײַ טעג, וואָלט דאָס גאַנצע פאַרלאַנגטע געלד געווען; איבעריקנס איז עס לײַכט דאָס פעלנדיקע צו לי־ווערן.

דער גענעראַל האָט געצויגן מיט די אַקסלען, אויף דעם חיל ער נישט אײַנגיין. ער האָט געוווסט, פאַרוואָס: עס זענען דאָך קעסיידער געקומען נײַע טראַנספּאָרטן, וועלכע מ'האָט פאַר־האַלטן הינטער דער שטאָט. ער האָט געהייסן אָנשרײַבן אַ מעל־דונג פאַרן לאַגער, אַז ער באַפרײַט דעם אינקאַ פון זײַן ווײַטער־דיקער פאַרפליכטונג צו צאָלן אויסלייזגעלט. אָבער די זיכערקייט פון זײַן פערזאָן און פון דער אַרמיי פאַרלאַנגט אַטאַהואַלפּאַן אַזוי לאַנג צו פאַרהאַלטן אין דער געפאַנגענשאַפט, ביז ס'וועלן אָנקומען פאַרשטאַרקונגען פון פאַנאַמאַ.

ווען דע סאָטאָ האָט דערהערט וועגן דעם שווינדלערישן ברעכן פון אָפּמאַך, האָט ער אויפגעזוכט דעם גענעראַל און עס אים העפטיק פירגעהאַלטן. דער גענעראַל האָט געזאָגט, אַז ער האָט זיכערע ידיעות וועגן אַטאַהואַלפּאַס אינטריגעס און פּלענער און די זעלנער, ספּעציעל אַלמאַגראָס לײַט, פאָדערן זײַן טויט.

דע סאָטאָ איז געווען דערשטוינט. ער האָט געהאַלטן, אַז די ידיעות זענען ליגנערישע און אָנגערופן אַלמאַגראָס לײַט אַ האָרדע האַלדושנײַדערס און באַנדיטן. נאָכגעבנדיק קלוימערשט דע סאָטאָס צודרינגלעכע רייד, האָט דער גענעראַל באַשלאָסן מיט אים צוצוגיין צום אינקאַ און אים אין די אויגן זאָגן, אין וואָס ער ווערט באַשולדיקט. פון זײַן מינע וועט מען קענען אָראָפּ־לייענען, האָט דע סאָטאָ געהאַלטן, צי ס'איז וואָר די אָנקלאַגע אָדער נישט, מאַכמעס דער אינקאַ איז נישט פעיִק אויף צו פאַר־שטעלן זיך.

אין דע סאָטאָס באַגלייטונג איז ער אַרום דער פינפטער שאָ נאָכמיטאָג אַרײַן אין אַטאַהואַלפּאַס צימער און האָט אים אי־בערגעבאַזערט די באַאומרויִקנדיקע באַשולדיקונג.

„וואָס פאַר אַ פאַראַט", האָט ער געזאָגט, „האָסטו געשמידט קעגן מיר. וואָס האָט דיר געטרויט ווי אַ ברודער?"

„דו מאַכסט כויזעק", האָט געענטפערט אַטאַהואַלפּאַ, „די

מאַכסט פון מיר כּויזעק. ווי קען איך און מײַן פאָלק טראַכטן פון דעם, אײַך צו טון שלעכטס? ווי קענען אָדלערס, אַפילו די מו-טיקסטע, טראַכטן וועגן שטעלן זיך אַנטקעגן בליק און ערדצי-טערניש? מאַך נישט פון מיר אויף אזאַ שטייגער כּויזעק, איך בעט דיך".

ער האָט דאָס געזאָגט פולשטענדיק רויִק און נאַטירלעך, שמייכלענדיק קוים בײַם מײַסע, וואָס פּיזאַראָ האָט אָנגענומען פאַר אַ באַווײַז פון זײַן פאַלשקייט. דער אינקאַ האָט עס געזאָגט אין אונדזער שפּראַך, וועלכע ער האָט פאַר דער לאַנגער צײַט פון זײַן אַרעסט און אין פאַרקער מיט דע סאָטאָן און אַנדערע ריטער אויסגעלערנט זיך בעסער צו באַנוצן איידער איך אָדער עמעצער פון אונדזעריקע זײַן שפּראַך.

„בין איך דען נישט אַ ווערלאָזער מענטש אין דײַן האַנט?", האָט ער ווײַטער גערעדט שטיל, „ווי וואָלט איך געקענט האָבן די קאַוואַנעס, וואָס דו שרײַבסט מיר צו, ווען איך וואָלט בײַ זייער פאַרווירקלעכונג געווען דער ערשטער קאָרבן? דו קענסט נישט מײַן פאָלק, אויב דו גלייבסט, אַז אָן אויפשטאַנד אָן מײַן באַפעל קען צושטאַנד קומען, בעשאַס די פייגל אַפילו אין מײַן לאַנד וואַגן נישט אָן מײַן ווילן צו פליִען".

ס'האָט זיך באַשטעטיקט מײַן באַאָבאַכטונג, אַז זײַנע אונ-טערטאַנען גיבן אים אָפּ מער קאָוועד ווי אַ יעדערן אַנדערן הערשער אויף דער ערד. זײַן מאַכט האָט אַרומגענומען די פאַר-באָרגנסטע טעטיקייט, אַפילו יעדן אייגעמס געדאַנקען. אים האָט זיך געדאַכט, אַז אַלע געזעצן פון לעבן זענען אָפּגעשאַפט, ווען די מאַכנע פרעמדע, בייזע מענטשן, האָט אים גענומען געפאַנגען. אים, וואָס אָן זײַן ווילן וואַגט נישט קיין פויגל אין זײַן מעלוכע צו פליִען.

דער גענעראַל האָט אים געגעבן צו פאַרשטיין, אַז מען וועט זיך איבער זײַן גורל באַטראַכטן, און האָט פאַרלאָזן דעם צימער.

בײַנאַכט האָט דע סאָטאָ באַקריגן אַ באַפעל אונטערצונעמען אַן אויסשפּירצוג אין די בערג מיט פופציק רײַטערס. ס'איז בלי ספק, אַז ס'איז געווען די קאַוואַנע אים אויף די גאָענטסטע עטלעכע טעג צו האַלטן ווײַטער פון קאַכאַמאַלקאַ. אָבער זיך קעגנשטעלן דעם באַפעל האָט ער נישט געקענט. און ער איז אָפּ-

געריטן בעראַש פון זײַנע רײַטער, פול מיט טרויעריקע פּאַרגע- פילן.

18

אַרום דער נײַנטער פרימאָרגן-שאָ האָט דער גענעראַל אײַנ- געלאַדן דאָן אַלמאַגראַן, אַנדרעאַ דעללאַ טאָררע און אַלאָנסאָ דע מאָלינאַ אויף אַ באַראַטונג אין אינקאַס הויז. דער אינקאַ איז געזעסן שװײַגנדיק אין פּאַדערזאַל, אַרומגערינגלט פון זײַנע אַדללײַט און פרויען און אין װײַטערן קײַרז — פון די װאַכן.

אַרום דער צענטער שאָ איז דערשינען אין זאַל אַלאָנסאָ דע מאָלינאַ און אַרײַנגערופן דעם אינקאַ אין שטוב. די זעלבע מענער װאָס האָבן אָקאָרשט באַראַטן זיך, צי מען קען ביכלאַל אַרויסטרעטן מיט אַן אָנקלאַג, זענען באַלד געװאָרן אַ געריכטס- טריבונאַל. אַ געװיסער אַגטאַן דע קאַרריאָן, אַן אַנטלאָפענער סטו- דענט, איז געװאָרן באַשט׳מט אַלס פּאַרטײדיקער.

דער הויפּטאײדעס פון דער באַשולדיקונג איז געװען פּע- ליפּיליאָ; זײַן אײדעס-זאָגן איז פּאַרפּראָטאָקאָלירט געװאָרן, און מען האָט זיך נישט באַמיט אָפילע אויסצופאָרשן זײער ריכטיקייט. דער גענעראַל האָט אים געהייסן שװערן ביים קרוציפיקס, און ער האָט געשװוירן.

אַטאַהואַלפּאַ איז געשטאַנען פאַרן טריבונאַל װי אַ סטאַטוע פון בראָנדז און געהאַלטן פאַר אומװירדיק זיך צו פּאַרטײדיקן. דאָס אײדעס-זאָגן פון די פערואַנער, װאָס איז אין פעליפּיליאָס געפעלשטער איבערזעצונג אויפגענומען געװאָרן, האָט קלוימערשט באַשטעטיקט דאָס, װאָס די ריכטער האָבן געװאָלט, ס׳זאָל װערן באַשטעטיקט. אַטאַהואַלפּאַ איז דערקלערט געװאָרן פאַר שולדיק און ס׳איז אַרויסגעגעבן געװאָרן אַן אורטײל, אַז נאָך דעם זעלבן אָװנט זאָל ער לעבעדיקערהייט פּאַרברענט װערן אויפן גרויסן פּלאַץ פון קאַכאַמאַלקאַ.

19

פּאַרדעכטיק איז געװען דעם גענעראַלס אײַלן זיך; קוידעמ- קאָל האָט ער מוירע געהאַט פאַר הערנאַנדאָס צוריקקומען. פּאַר- װאָס, האָב איך קײנמאָל רעכט נישט פּאַרשטאַנען. דע סאָטאָ איז

געווען אַ שטאַרקער און ערלעכער כאַראַקטער און האָט געשטאַמט פון אַן איינפלוסרייכער און מעכטיקער פאַמיליע.

אויף מיין אומבאַשטימטנדיקע פּערזאָן האָט ער קיין אַכט נישט געלייגט, האַגאַם מיין מיינונג אין דער פראַגע איז אים געווען באַקאַנט. איך האָב אים נישט געכאַפּט ווי אַלע אַנדערע און האָב נישט געקענט אַלע זיינע טאַטן באַוואונדערן. לויט מיין כאַראַקטער בין איך באַשטימט געווען צו זיין נאָר אַ שווייגנדיקער צוקוקער. איך בין אַ שטאַמלער, אַ שטאַמלער אויך אינערלעך. דעמאָלט האָב איך דאָס וואָרט פאַרמאָגט נאָך אין אַ קלענערער מאָס ווי היינט, און וואָס איך האָב געזען און געפילט האָט פריער געדרונגען דורך פיל קאַנאַלן איידער ס'איז אין מיין באַוואוסטזיין און אין שיין פון מיין הארצן געדרונגען.

מען האָט נאָך געדאַרפט, דער פּאַטער וואַלווערדע זאָל צושטימען צו דעם פּסאַק איבערן אינקאַ. ער האָט זיין נאָמען געכאַסמעט אויפן דאָקומענט לעבן די דריי קרייצן, וואָס דער גענעראַל האָט געשטעלט, און ער האָט מיט פינצטערער רויִקייט געזאָגט: „ער מעג שטאַרבן".

זינט דעם טאָג זענען שוין אַריבער דרייסיק יאָר און מען קען מיינען, אַז דאָס בילד איז פאַר מיר פאַרווישט געוואָרן. ס'איז נישט אַזוי. פאַרקערט, יעדע געשטאַלט אין יעדע פאַרב שטייט נאָך פאַר מיר מיט דער זעלבער דייטלעכקייט, יעדעס וואָרט שטעקט נאָך מיט דער זעלבער שאַרפסקייט אין מיין געדעכעניש. וואָס באַטייטן דרייסיק יאָר? און ווען אַפילו ס'וועלן דריי הונדערט און ווען אַפילו ס'וועלן דריי טויזנט יאָר שיטן איבער דעם זייער שטויב און שימל, וועט נאָך אַלץ דאָס געדעכעניש פון דער מענטשהייט זיין אַזוי אומדערבאַרעמדיק ווי מיינס. אין דעם בין איך זיכער אין מיין איינזאַמקייט.

20

אַטאַהואַלפּאַ איז אַרויס פון זאַל, אָבער באַלד האָט ער געלאָזט בעטן דעם גענעראַל אָפּצולייגן די עקזעקוציע ביזן פרימאָרגן ווייל ער וויל שטאַרבן ביים שיין פון דער זון. דאָן אַלמאַגראָ און אייניקע אַנדערע זענען געווען דערקעגן. אָבער דער גענעראַל איז

אײַנגעגאַנגען אויפֿן קיניגס בעט. גלײַכצײַטיק האָט ער אָנגענומען אַלע מיטלען קעגן אַן אָנגריף פֿון די פּערוּאַנער, וואָס וועלן עפּשער אין דער לעצטער רגע נאָך פּרוּוון צו ראַטעווען זייער קיניג.

מען האָט זינט עטלעכע טעג באַמערקט אַ פֿאַרדעכטיקע גרעסערע באַוועגונג אויף די וועגן. די וואַכן זענען דערײבער פֿאַרשטאַרקט געוואָרן און די האַרמאַטן געלאָדן.

עס זענען אין לאַגער געווען אויסער מיר נאָך עטלעכע מאַן וואָס זענען געווען קעגן דעם טויטאורטייל און נישט אַזוי שטום ווי איך. זיי האָבן געהאַלטן פֿאַר אומגערעכט אַזאַ מין געריכט איבער אַ הערשנדיקן קיניג אין זײַן אייגענעם לאַנד. אָבער מיט זייערע אַרגומענטן האָבן זיי נאָר אויפֿגערעגט די גרויסע מערהייט, און ווידעראַמאָל האָבן אָפּגעקלונגען אויף די גאַסן און פּלעצער געשרייען און וואָפּנקלומפּערײַ.

דער אינקאַ האָט זיך בײַ מיר נאָכגעפֿרעגט וועגן דעם ליאַרעס. איך האָב נישט געהאַט דעם מוט אויסצוזאָגן דעם עמעס. מיט קייטן אויף די פֿיס איז ער געלעגן אין מיטן פֿון זאַל. זינט דעם אַרויסטראָגן פֿון אורטייל האָט מען געהאַלטן פֿאַר נייטיק אים אויף אַזאַ באַליידיקנדיקן אופֿן צו באַשמוצן. אַרום אים זענען ווי שאָטנס געזעסן זײַנע געטרײַע. ער איז געווען באַשײַנפּערלעך אומרויִק און האָט אַלע ווײַלע אויפֿגעהויבן דעם קאָפּ, ווי ער וואָלט געוואָלט אַרויסקוקן. שפּעט נאָכמיטאָג איז געקומען אַ שעלײַעך. אים עפּעס אײַנגערוימט, געוואָרפֿן זיך אויף דער ערד און געבליבן ליגן אָן באַוועגונג. אין אַ שאָ אַרום איז געקומען אַ צווייטער, אין נאָך אַ שאָ שפּעטער אַ דריטער. זיי האָבן, ווײַזט אויס, געהאַט אַ שליכעס אויסצופֿירן, וואָס דער אינקאַ איז שטאַרק געווען אין דעם פֿאַראינטערעסירט. וואָרעם יעדעס מאָל, ווען ער האָט די אײַנגערוימטע מעלדונג געהערט, איז זײַן מינע געוואָרן ליכטיקער און די אומרויִקייט איז פֿאַרשוווּנדן פֿון זײַן פּאָנעם.

ער האָט געוואָרט אויפֿן אָנקום פֿון זײַנע אָוועס. דאָס איז אויך געווען די סיבע פֿון דער באַוועגונג וואָס מיר האָבן זינט עטלעכע טעג באַמערקט צווישן די פּערוּאַנער. פֿאַרויסזעענדיק און דײַטלעך פֿאַרפֿילנדיק זײַן גורל, האָט אַטאַהואַלפּאַ נאָך מיט אַ סאַך טעג צוריק געשיקט צום גרויסן טעמפּל אין קוזקאָ אַ בעטע, זײַנע

טויטע אָוועס זאָלן צו אים קומען, ווען ער קען נישט צו זיי גיין, און ער זאָל דעם טויטן־מאָלצייט קענען אָפּהאַלטן, ווי ס'טוט יע־דער אינקאַ, וואָס פילט זיין סאָף זיך דערנענטערן. פאַר זיי טאָ־קע האָט מען די וועגן געריייניקט. צו זייער אויפנעם האָט זיך געגרייט דאָס גאַנצע פאָלק אין לאַנד.

21

אַרום דער זעקסטער שאָ האָט אַטאַהואַלפּאַ אויסגעדריקט דעם פאַרלאַנג צו רעדן מיטן גענעראַל. פּיזאַראָ איז געקומען אין דער באַגלייטונג פון זיין ברודער פּעדראָ און דעם פינצטערן דאָן אַלמאַגראָ.

אַ לענגערע ווייַלע האָט אַטאַהואַלפּאַ געקוקט פאַרלוירן אַרום זיך, מיטאַמאָל האָט ער זיך אויפגעשטעלט און געזאָגט: „וואָס האָב איך געטון, וואָס האָבן מייַנע קינדער געטון, אַז מיך זאָל אַזאַ גוירל טרעפן. און נאָך דערצו פון דייַנע הענט, האָסטו דען פאַר־געסן, ווי מייַן פאָלק האָט דיך מיט גוטסקייט און צוטרוי באַ־האַנדלט? און איך, האָב איך דיר נישט געניג פרייַנדשאַפט אַרויס־געוויזן?“

דער גענעראַל האָט געשוויגן.

און נון איז געשען, אַז אַטאַהואַלפּאַ, דער דאָזיקער שטאָלצ־סטער פון אַלע שטאָלצע, האָט די הענט פאַרבראָכן און געבעטן מען זאָל אים שענקען זיין לעבן, מיט אַ זייער שטילער שטים, די ליפּן אַ ביסל צונויפגעקלייגט, דעם קאָפּ אַ ביסל געבויגן, מיט אויגן אָן אַ גלאַנץ. איך געדענק נישט מער די ווערטער, פאַר מיר שטייט נאָר זייַן בילד, וואָס איך קען נישט פאַרגעסן, נישט אויסמעקן. אַ סאַך האָבן געהאַלטן, אַז פראַנסשעסקאָ פּיזאַראָ איז געווען אַזוי גערירט, אַז ער האָט געוויינט.

איך האָב אַזוינס נישט געזען. דער אינקאַ האָט בייַ אים נישט געפויעלט.

ווען אַטאַהואַלפּאַ האָט איינגעזען, אַז ער קען דעם גענע־ראַלס באַשלוס נישט ענדערן, האָט אים אַרומגעכאַפּט אַ שרעקלי־כע כאַרפּע פאַר זייַן אייגן דערנידעריקן זיך. ער האָט פאַרקרייצט די הענט אויף דער ברוסט און האָט זיך טיף פאַרטראַכט.

ווען ס'איז אַריבער אַ שטיקל צײַט אין דעם פּײַנלעכן שווײַגן, האָט זיך אַטאַהואַלפּאַ פּלוצלונג געווענדט צו מיר און געזאָגט אין זײַן געבראָכענעם שפּאַניש, אַז ער האָט געהערט, אַז מיר קענען די וווּנדערלעכע קונסט פון שרײַבן און ער וויל זען אַ פּראָבע דערפון.

האָב איך אים געפרעגט, ווי ער מיינט דאָס צו מאַכן. ער האָט געזאָגט, איך זאָל אויפן נאָגל פון פינגער אויפשרײַבן אַ געוויס וואָרט און דאַן זאָלן אַלע מײַנע כאַווײרים עס איבערלייענען און אים שטיל עס איבערזאָגן. ווען אַלע וועלן דאָס זעלבע וואָרט אַרויסרעדן, וועט ער לענגער נישט צווייפלען, אַז מיר קענען ווירקלעך די דאָזיקע קונסט.

איך האָב טכילעס נישט געוווּסט ווי אַזוי כ'זאָל דערפילן זײַן ווונטש, פאַר וועלכן נישט די צײַט און נישט די געלעגנהייט איז געווען פּאַסיק. אָבער איך האָב נישט לאַנג זיך געוואַקלט. איך האָב אַרויסגענומען אַ זיכערנאָדל פון מײַן מאַנטל, צעקראַצט זיך אַ ביסל מיט איר די הויט פון דער האַנט און אָנגעשריבן אים אויפן נאָגל שווערלעך אָבער מעגלעך צום איבערלייענען דאָס וואָרט CRUX (אַ קרייץ אין לאַטיין). נאָך דעם האָב איך געפאָדערט די ריטער צוצוגיין. זיי האָבן מיך געפאָלגט, טייל מורמלענדיק בייז, טייל לאַכנדיק, און איבערלייענענדיק דאָס וואָרט, האָבן זיי אַטאַהואַלפּאַן אײַנגערוימט אין אויער: קרוקס. ער איז געווען דערפון זייער פאַרווונדערט, און אַזוי ווי אַלע האָבן עס איבערגעלייענט און נישט פאַרהאַקט זיך, איז אים קלאָר געוואָרן די געהיימע מאַכט פון דער שריפט.

בלויז דער גענעראַל האָט זיך נישט גערירט פון זײַן אָרט. פראַנטשעסקאָ פּיזאַראָ האָט נישט געקענט נישט לייענען און נישט שרײַבן. האַגאַם אַ סאַך פון אונדז האָבן עס געוווּסט, האָט עס אים געקרענקט, וואָס ער איז איצט פאַר די אָפּיצירן און פאַר דעם אינקאַ פאַרשעמט געוואָרן. אַטאַהואַלפּאַ האָט זיך אָנגעשטויסן אויף דעם צוזאַמענהאַנג און מיט אַ באַוווּנדערונגסווערטן צאַרטן געפיל האָט ער זיך באַמיט דעם פעלער גוט צו מאַכן, זאָגנדיק מיט אַ שמייכל צום גענעראַל: „געוויס האָסטו שוין פריִער געוווּסט, וואָס דאָ

שטייט אָנגעשריבן. קרוקס שטייט אָנגעשריבן. דו, אַ גאָט צווישן דיינע לאַנדסלייט, דאַרפסט נישט מיט דיינע אויגן זיך ערשט אין דעם צו איבערצייגן".

„איך בין נישט קיין גאָט. וואָס ווייסטו, געצנדינער, ווען גאָט!" האָט פיזאַראָ מיט פאַראַכטונג בייז אים צוגעוואָרפן, וואָרעם ער האָט נישט געגלייבט, אַז דער אינקאַ רעדט אויפריכטיק.

„ווען אייער גאָט ווייס איך ווייניק. ווען מיינעם הייס איך אַ סאַך", האָט ער מילד געענטפערט, „אייער גאָט קען מען נישט זען, מיינער וואַנדערט איבערן הימל און גריסט יעדן טאָג זיינע קינדער.

שאָקלענדיק מיטן קאָפּ און קימאַט מיט מיטלייד האָט געזאָגט דער גענעראַל: „נאָר איין גאָט, פאַרשאָלטענער, איז דאָ און ס'וואָלט פאַר דיר גוט געווען, ווען דו וואָלסט צו אים דיינע טפילעס געווענדט".

„ווי קענסטו מיט אַזאַ זיכערקייט זאָגן, אַז דיין גאָט איז דערווירקלעכער און איינציקער גאָט ?" האָט דער אינקאַ געפרעגט מיט מאַיעסטעטישער רויִקייט. „און ווי קען איך אין אים גלייבן ווען ער דערלאָזט צו דעם, אַז איר, וואָס רעדט שטענדיג וועגן, זיין ליבע און באַרעמהאַרציקייט, זאָלט מאָרדן אומשולדיקע מענטשן?"

דער גענעראַל האָט געשוויגן און זיך אָפּגעקערט.

23

ס'איז געווען אַ שאָ פאַר האַלבערנאַכט, ווען דער ריטער גאַרציאַ דע כערעז איז אַריין אין מיין צימער און מיר געמאָלדן, אַז אין גרויסן זאַל גרייט זיך עפּעס אומגעהייערלעכעס און מען מוז זיך גוט היטן. אויף מיינע פראַגעס האָט ער מיר נאָר געקענט זאָגן, אַז דער אינקאַ זיצט איינער אַליין ביי אַ לאַנגן טיש, זיצט אומבאַוועגלעך אין דער מיט פון טיש, אַרום וועלכן עס זענען דאָ פיר און צוואַנציק ליידיקע פלעצער.

איך בין אויפגעשטאַנען, האָב מיך אָנגעטון און בין אַרויס.

אויפן פלאַץ האָבן געברענט פייערפאַנען, און ביי זייער שונקעלער שיין האָבן עטלעכע אונדזערע לייט צוגעגרייט דעם שייטער. דער גרויסער זאַל איז געווען באַלויכטן פון פאַקלען, און

איך האָבווירקלעך דערזען, ווי גאַרציאַ האָט געשילדערט, דעם אינ־קאַ אינמיטן אַן אויפגעשטעלטן טיש פולשטענדיק אומבאַוועגלעך. רעכטס און לינקס פון אים צו צוועלף גאָלדענע טעלער. הינטער יעדן דורך אים אָנגעגרייטן שטול און אויך הינטער דעם אינקאַס שטול איז געשטאַנען א דינער, וואָס האָט געטראָגן אַ שיסל מיט שפּייַז – פינף און צוואָנציק לויט דער צאָל פולשטענדיק אומ־באַוועגלעך. און הינטער די דינער ווידער זענען געשטאַנען אין דער זעלבער שטאַרקייט, אין זעלבן שטילשווייַגן אַטאַהואַלפּאַס אַדלליט און יונגע פרויען.

איך האָב מיך נישט געריכט עפּעס ענלעכס צו זען. מען לייענט אַמאָל אין די מייַסעלעך, אַז אַ גאַנצע פאַרזאַמלונג פון מענטשן ווערט דורך איין וואָרט פון אַ בייזן קישעפמאַכער פאַר־וואַנדלט אין אַ שטיין. דאָס בילד וואָס איך האָב געזען, האָט מיך דערמאָנט אין דעם. דערצו די אומהיימלעכע שאָ, דאָס אומהיים־לעכע אָרט. קריסטאָוואַל דע פּעררעלטאַ איז אַוועק צום גענעראַל און אים אָפּגעגעבן אַ באַריכט. פּיזאַראָ האָט געהאַט איינגעלאַדן עטלעכע פרייַנד צו אַ גאַסטמאָל און קריסטאָוואַל האָט זיי גע־טראָפן ליאַרעמענדיק און שיקערלעך. זיין דערציילונג האָט מען אויפגענומען מיט גראָבע וויצן. אָבער דער גענעראַל, וואָס זיין וואַכזאַמקייט האָט קיינמאָל נישט געדרימלט, האָט געזאָגט, אַז מען מוז אַריבערגיין און זען וואָס דאָס איז פאַר אַ ספּעקטאַקל.

ער איז אויפגעשטאַנען און עס האָבן אים באַגלייט זייַנע ביידע ברידער, דאָן אַלמאַגראָ, דאָן ריקעלמע, דעללאַ טאָררע, אַלאָנסאָ דע מאָלינאַ און קריסטאָוואַל דע פּעררעלטאַ. פון דער אַנדערער זייַט פּלאַץ איז קימאַט צו דער זעלבער צייַט לאַנג־זאַם און לייענענדיק אין זיין סידער אָנגעקומען דער פּאַטער וואַלווערדע און איז געבליבן שטיין בייס דאָס וויַטערדיקע איז געשען ווי אַ שטומער וועכטער און מאָנער צווישן דעם שייַטער און די טרעפּ פון דער זייַלן־האַלע.

24

די ריטער האָבן זיך אויפגעזאַמלט אויף איין זייַט פון גרויסן זאַל און איך בין זיכער, אַז אַפילע די מוטיקסטע האָבן געשפּירט

אַ שוידער, ווען זיי האָבן דערזען די פּעליק פאַרשטיינערטע פּע-רואַנער.

פּלוצלונג האָט אַטאַהואַלפּאַ אויפגעהויבן די אויגן-לעפּלעך און אַזוי ווי ערשט איצט אונדז באַמערקט. זײַן בליק איז געווען ווי אַ הייסער שטראַל, איך האָב געמוזט די אויגן אין אַ זײַט אָפּ-נייגן און זיי זענען געבליבן הענגען אויף די פליישיקע פאַררויטלטע אויערן פון גענעראַל, וואָס איז געשטאַנען האַרט פאַר אים. אטאַ-הואַלפּאַ איז אויפגעשטאַנען און אין זײַן גאַנצער גרייס און מיט זײַן שטאָלצער ווערדע איז ער געווען אומבאַשרײַבלעך שיין. דאָס רויטע ליכט פון די פאַקעלן האָט אַרומגעזוימט זײַן ברוינלעך פּאָנעם, און דאָס שאַרלאַך-רויטע קלייד, וואָס האָט אַרומגענומען די שלאַנקע געשטאַלט, האָט די דערשײַנונג געמאַכט גלײַענדיקער

„איר, מענער, זאָגט מיר דאָך, פונוואַנען קומט איר?” האָט ער שטיל אָנגעהויבן. „וואָס איז עס פאַר אַ לאַנד, ווו ס'איז אײַער היימאַט? זאָגט מיר דאָך, ווי עס זעט אויס, און ווי איר קומט אויס, צו לעבן אין דעם אָן זון?”

„וואָס הייסט, אָן זון?” האָט געפרעגט אַנדרעאַ דעללאַ טאַררע פאַרוואונדערט. „מיינסטו דען, אַז בײַ אונדז הערשט איי-ביקע פינצטערניש?”.

„איך מוז אַזוי אָננעמען, מאַכמעס איר האָט דער זונס זון דערקלערט קריג”, האָט אַטאַהואַלפּאַ געענטפערט.

„דו און די זון, איר זענט אַלזאָ איינס?”, האָט מיט כויזעק אויסגערופן דאָן אַלמאַגראָ.

„זינט פיל טויזנטער יאָרן”, האָט דער אינקאַ צוגעשאָקלט מיטן קאָפּ. „מײַנע אָוועס און איך, זינט דער קאָרן וואַקסט אין דעם לאַנד”.

ס'האָט זיך אײַנגעשטעלט אַ שטילשווײַגעניש, בעשאַס וועל-כער מען האָט נאָר געהערט דעם פאַטער וואַלווערדע אין דרויסן דאַווענען.

„מײַנע אָוועס וועלן קומען”, האָט סוידעסדיק געזאָגט אַטאַ-הואַלפּאַ, „די וואָס זענען נאָך נישט אין שטויב צעפאַלן וועלן קו-מען און מיך באַגריסן”.

אַלע האָבן דערשטוינטע זיך אומגעקוקט.

„אָבער איר ענטפערט מיר נישט”, האָט ער ווידער אָנגע-

הויבן און זיך אַרומגעקוקט. פאַרוואָס שווייגט איר אויף מיין פראַגע? שיינט דען ביי אייך די זעלבע זון? איר מוזט אַ טאָעס האָבן. עס מוז אַן אַנדערע זיין. איז זי דען נישט בייז, ווען איר צעשטערט איר צירונג, וואָס דער פלייס פון די האַנטווערקער האָט געשאַפן? וואָס פאַר אַ געזעצן האָט איר, וואָס פאַר אַ מינ-האָגים? זענען ביי אייך פאַראַן געשטאַלטן, וואָס זענען אומבאַ-רירלעך? קענט איר דען דאָס אומבאַרירלעכע, ווען אייער האַנט שרעקט זיך פאַר גאָרנישט אָפּ און באַרירט אַלץ?״

ער האָט אויסגעשטרעקטביידע הענט, מיט די אויבער-אָרעמס צום לייב צוגעדריקט, פלאַך ווי צוויי שאָלן פאַר זיך, ווי ער וואָלט געוואָלט אין זיי ז׳עם ענטפער אויפנעמען. עס האָט זיך אַזאַ אָטעמלאָז שווייגן איינגעשטעלט, וואָס האָט פיינלעך גע-חירקט.

„איך האָב געוואָלט דערגיין, וואָס מאַכט אייך אַזוי שטאַרק״, האָט ער ווייטער גערעדט מיט אַן אַראָפּגעלאָזענעם קאָפּ, „און איך גלייב, איך בין עס דערגאַנגען: דאָס מוז זיין גאָלד. דאָס גאָלד גיט אייך דעם מוט, אַלצדינג צו באַרירן און אַלצדינג זיך צוצונעמען. און פאַרכאַפנדיק די קעגנשטאַנדן, צעשטערט איר דעם קעגנשטאַנדס פאָרם. דאָס גאָלד פאַראַנדערשט אייער נעשאָ-מע. דאָס גאָלד איז אייער גאָט, אייער דערלייזער, ווי איר רופט אים, און ווער ס׳באַזיצט איין שטיק גאָלד, דער איז גליקלעך, דער מיינט, אַז ער באַזיצט די זון, ווייל ער קען קיין אַנדערע זון נישט. איך פאַרשטיי עס איצט גענוי און איר טוט מיר לייד איר זונלאָזע״.

דער גענעראַל האָט זיך צאָרנדיק אויסגעדרייט; דאָן אַל-מאַגראָ האָט דראָענדיק אויפגעהויבן די האַנט; די ריטער האָבן בייז געמורמלט. אין דרויסן האָט דער פּאַטער וואַלווערדע באַ-פוילן די זעלנער אָנצוצינדן דעם שייטער. דעמאָלט איז געשען דאָס שוידערלעכע, וואָס האָט אויף מיין גאַנץ לעבן מיך שוין נישט פאַרלאָזט.

25

ווען אויף דער מיזרעך-זייט פון הימל האָט זיך באַוויזן די ערשטע מאַטע רויטקייט, האָבן מיר דערזען אַ לאַנגע אויסגעצוי-

געגנע ריַי פון פערואַנער שפּאַנען פון די וועגן און געגנענען צום גרויסן פּלאַץ פון קאַכאַמאַלקאַ. אין מיטן פון צוג און איבער אים אויפגעהויבן, האָבן מיר באַמערקט פיר און צוואַנציק אומבאַוועג־לעכע געשטאַלטן און פונקט אַזויפיל גאָלדענע שטולן און יעדער פון די גאָלדענע שטולן, האָבן מיר גלייַך באַמערקט, איז געווען ענלעך צום אינקאַס טראָן און איז ווי דעם אינקאַס טראָן גע־טראָגן געוואָרן אויף די אַקסלען פון אַכט קריגסלייַט. יעדע פון די געשטאַלטן איז געווען געהילט אין די טייַערסטע געוואַנטן, און געווען זענען זיי צוועלף מענער און צוועלף פרויען.

געקומען זענען זיי פון די קוואָרים, ווו אייניקע האָבן זינט אַ דאָר און אַנדערע לענגער, יאָר־הונדערטן־לאַנג גערוט — אַטאַהואַלפּאַס אָוועס.

די מענער זענען געווען באַצירט מיט דער באָרלאַ און די קאָראַקווענקיוע־פעדערן, די פרויען האָבן געטראָגן חייַסע שליי־ערס אויסגעשטיקטע מיט שטערנס, וואָס האָבן זייַער לייַב אַרום די לענדן געהילט.

ווען דער פייַערלעכער און קימאַט קלאַנגלאָזער צוג איז צוגעקימען האַרט צו די דריַי טרעפּ פון דעם פּאָדערואַל, האָבן זיך די טרעגער פון די טויטע אָפּגעטיילט פון אים און זענען אַרייַן אין זאַל און אַוועקגעשטעלט זיי אַרום טיש אויף די צו־געגרייטע ערטער, די מענער רעכטס, די פרויען לינקס פון אינקאַ.

אויבנאָן פון טיש האָבן זיי אַוועקגעשטעלט אַן אומגע־הייַערע גאָלדענע זון, וואָס האָט אין שייַן פון די פאַקלען און די פייַערפאַנען אין דעם אויפשטייַגנדיקן פייַער פון ריזיקן שייַ־טער פאַרשפּרייט אַ שווינדלדיקן גלאַנץ.

אַטאַהואַלפּאַ האָט אָנגעהויבן עסן פון די שפּייַזן. נאָר לעפּאַנעם וועגן, און פאַר יעדער מומיע האָט מען געלייגט אַ שפּייַז אויפן טעלער, אויך נאָר לעפּאַנעם וועגן. אין זייערע קיניגלעכע קליידער, די קעפּ אַביסל אַראָפּגעלאָזט, די האָר פון ראָבשוואַרצן אָדער זילבערווייַסן קאָליר, אָפּהענגיק פון עלטער, אין וועלכן זיי זענען געשטאָרבן, האָבן די באַרמינאַנס געמאַכט אַן אייַנדרוק פון לעבעדיקע.

אין אָנהייב האָבן די פענעמער פון מייַנע כאַווירים

געהאַט אַן אויסדרוק פון אַ שווידערלעכן יִיראַס האַקאָוועד, אָבער דער אָנבליק פון די גאָלדענע טראָגנען און די גאָלדענע קליידער, צירונג און קלאַמערס און קוידעמקאָל פון דער גאָלדענער זון האָט אין זייערע הערצער אויפגעוועקט אויפסנײַ די גיריקייט וואָס קען נישט פאַרלאָשן ווערן, דעם הונגער וואָס קען נישט געשטילט ווערן און האָט זיי געוואָרפן אין אַ גליִענדיקן פיבער. וואָרעם אַזאַ גרויסע אָנזאַמלונג פון אוצרות איז איבער־געשטיגן זייער פאָרשטעלונג און צוגערויבט בײַ זיי דעם סייכל. אַלע זעלנער זענען געקומען צו לויפן, מיט טײַוועס און גרויל אין די אויגן, מיט גיריקייט און שרעק; איך אַליין האָב גע־פילט, ווי ס׳פלאַקערט אויף אין מיר דער פײַנלעכער פאַרלאַנג און באַלד האָט מיר דער שווידערלעכער ווידעראַנאַנד — טײַוועס און גרויל, גיריקייט און שרעק, אָנבליק פון גאָלד און אָנבליק פון טויט — געשפּאָלטן דאָס באַוווסטזײַן.

איך האָב נאָך געזען, ווי אַ טייל פון די זעלנער האָט זיך געוואָרפן אויף די גאָלדענע טראָגנען און איז פון די ריטער געוואָרן אָפּגעריסן; איך האָב נאָך געזען, ווי דער אינקאַ האָט זיך טיף פאַר זײַנע אָוועס פאַרנייגט און די אַדללײַט האָבן אים נאָכגעטון און ווי ער איז דערנאָך בײַם אויפשפּראָץ פון ערשטן זונשטראַל, מיט אַ בליק וואָס האָט אויסגעדריקט לײַדן און שטוינונג, אַרוים מיט אַ פּריילעכן שמייכל צום פּלאַץ פון דער עקזעקוציע; איך האָב נאָך געהערט די טויבע טפילעס פון מאָ־נאַך און די אין פאַרלעגנהייט לאַנגזאַם נאָכגעזאָגטע קרעדאָס *) פון די אַרום שטײַפער פאַרזאַמלטע ריטערס — און דאַן האָט מיך אַרומגענומען אַ ווילטוענדיקע פינצטערקייט, וואָס האָט ערשט נאָך פיל טעג מײַנע געדאַנקען ווידער באַפרײַט.

26

ווען איך האָב איינמאָל געוואַנדערט איבער די כורוועס פון אַ פאַרקוילטער שטאָט און געקוקט אין די פאַרלאָשענע

*) קרעדאָ (לאַט. איך גלייב) — נאָמען פון אַ קריסטל. טפילע.

אויגן פון מענטשנברידער, האָט מיר אַ שטים באַפוילן צו שווייַגן און צו וואַרטן. ווען איך האָב אַן אַנדער מאָל אין די קאָרדיליערן־בערג אָנגעטראָפן אַ מאַכנע שטאַרבנדיקע קינדער, וואָס זענען פון הונגער און שרעק פון די פאַרוויסטע דערפער געטריבן געוואָרן אַהער, האָב איך געוויינט איבער דעם, וואָס דער מענטש איז און וואָס ער איז נאָך אַלץ נישט.

איך האָב געזען דעם טויט אין יעטוועדער געשטאַלט, וואָס ער נעמט אָן אויף דער ערד; איך האָב געזען פריינד אַוועקגיין, און די פירער פאַלן, און פעלקער פאַרטיליקט ווערן, און די נישטדויערעוודיקייט פון יעדן גליק, און די אָפּנאַרע־רישקייט פון יעדער האָפענונג; און איך האָב פאַרזוכט דעם ביטערן אָפּזאַץ פון יעדן געטראַנק, און דעם געהיימען סאַם פון יעדן מייַכל; און כ׳האָב געליטן צוליב דער סינע פון מענטשן, דער נאַרישקייט פון די אויפגעקלערטע און צוליב דעם גרויזאַם קאַלטבלוטיקן שווינדן פון דער צייַט איבער דער מיט ווייטיקן איבערלאָדענער ערד; איך האָב דערקענט די נישטיקייט פון יעדן פאַרמעג און די אייביקייט פון יעדן זייַן און מיך ווײַט אַרומגעכאַפּט אַ בענקשאַפט נאָך אַ בעסערן פלאַנעט, וועלכן די הערלעכע זון זאָל רייַנער דורכגליִען און איידעלער באַוויירקן.

דער פלאַנעט, אויף וועלכן איך לעב, איז עפּעס פון נאָט פאַרשטויסן.

Oplata pocztowa uiszczona ryczałtem

פּרייז 50 גראָשן | דריטער יאָרגאַנג | № 1. | 15 PAŹDZIERNIKA 1936

„Kinder-Frajnd"

DWUTYGODNIK Wydanie A

Adres redakcji i administracji: Warszawa 1, Miła 33 m. 24

„קינדער־פריינד", וואַרשע
דריטער יאָרגאַנג

דעם 31־טן אָקטאָבער 1936 דערשיינען:

ביבל. „א"

י. פּערלמאַן

מיט אַ ראַקעטע אויף דער לעוואָנע

ביבל. „ב"

ק. טשוקאָווסקי

לימפּאָפּאָ

צווייוואָכנזשורנאַל

באַנד 2 נומער 2

באַנייט גלייך דעם אַבאָנעמענט!

אדרעס פאַר געלט (דורכן פּאָסט־שפּאָר־קאַסע־קאָנטאָ):

„Kinder-Frajnd", Warszawa.
Kartoteka 602.

אדרעס פאַר בריוו און געלט פון אויסלאַנד:

„Kinder Frajnd", Warszawa 1,
Miła 33.